NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13086

KINDER-LIDER

Philip Melzer

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

קינדער־לידער
שטאָט און דאָרף
פון
פּייוול מעלצער
אילוסטרירט פון ב. קאָפמאַן

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

קינדער־לידער

שטאָט און דאָרף

פון

פייוול מעלצער

אילוסטרירט פון ב. קאַפּמאַן

Copyright, 1928
by
Philip Melzer

פינסקי־מזל דרוקערײ,
ניו יאָרק 446

ארויסגעגעבן פון
פאַרלאַג
„קינד און קייט“
28 ניו יאָרק 19

אַ מאַמאַנע מיין ליבער
און געשעצטער מאַמען
גיטל מעלצער

אינהאַלט

פֿרילינג

אונזער קינדעריונגעס — 13
איז ווינטער — 14
אין אַ פֿאַרפֿרילינג טאָג — 15
פֿרילינג אין דאָרף — 16
דאָס קעלבל צום האָז — 18
פֿעלד, אַ פֿעלד — 20
דאָס אַקעראײַזן — 24
פֿרילינגפֿרייד — 26
אינדערפֿרי — 28
אַ פֿרילינגמאָרגן — 29
פֿרילינג גלעקלאַך — 32
פֿרילינג אין פּאַרק — 34
אַזעלכע פֿרילינג טעג — 36
מאַי — 37
דער לעצטער שולטאָג — 38

זומער

ערשטער טאָג אַפֿן פֿעלד — 45
אינדערפֿרי מיט זון אין פֿעלד — 46
אַפֿן דאָרף — 48
אַ רעגן אַפֿן פֿעלד — 50
פֿעלד בלומעלאַך — 52
גוט מאָרגן ליד — 53
לז און גרינגפֿרייד — 54
בלומעלאַך און קינדערלאַך — 56
מיר ווי ווי — 58
זומערטרוים — 59
אַ פֿייגעלע פֿלי! — 60
ווען אַ מאָל ווינט — 61
אַ טאָג איז אַוועק — 64
אַ בײַמעלע — 66
דער אויבסטגאָרטן — 68
שטאָט און פֿעלד — 70
זומערטים — 72
פֿאַרן „חיק" — 74
איבער אונזער ערד — 76
שפּיל איז אונזער לעבן — 78
שפּילשטיקים — 79
אַ שטראַלן טאָגן — 80
נאָכן שפּיל — 81
צוריק אין שטאָט — 82
זינגט דער דיכטער — 83

האַרבסט־ווינטער

אַוועק איז דער זומער — 86
אָקטאָבער — 88
פֿון גרוס צו פֿעלד און טאָל — 90

אינהאַלט

אָן א הויז 92
א בייזער יינגל 94
אַן עלנט קינד 96
האַרבסט אין פּאַרק 97
א האַרבסטטאָג 98
דער ערשטער שניי 100
שנייעלאַך 101
א זון אין שנייעלאַך 102
די שנייבאַלאַך 104

שיין-מוישעלע און אנדערע לידער

שיינמוישעלע און זיין פּאַפּא 122
שיינמוישעלע צום פּאַפּא 124
שיינמוישעלע איז קראַנק 126
שיינמוישעלע אין דער ערשטער מאַי 130
שיינמוישעלע באַם פֿענצטער 134
שיינמוישעלע איז ניט ברוגעז 136
שיינמוישעלע און מאַמעי 138
שיינמוישעלע און דער פּרעצבראָיד 140
שיינמוישעלע און די פֿייגעלאַך 142
שיינמוישעלע און זיין דראַך 144
שיינמוישעלע צום שיפֿל 146
שיינמוישעלע און זיין פֿידעלע 148
שיינמוישעלע באַם יאַם 150
שיינמוישעלעס טעגעס 151
שיינמוישעלע און די שנייעלאַך 153
שיינמוישעלע און זיין שטבראַגן
שטיבל 156
שיינמוישעלעס בראַגב 158
אין מעטאַ, וואָס בא גערופֿן 160
פּיפּאַק! פּיפּאַק! 161
דער שטילער פֿעלדער 164
ווינטעלאַך 167
איך ווייס שוין אויך! 168
א טויטער ריפּאַר 171
מיר זיינען אלע דיינע! 172
קאָן ניט שלאָפֿן מער 176
וואַס איך האַב ליב 178
שלאָפֿן זיינען מיר! 179

פּיאָנערן-לידער

יעגער 188
אן אַנדערער יעגער 192
ווייסע פּאַלמע 194
דעמאָנסטראַציע 196
מיר פּאַראַדירן! 199
איך בין א פּיאָנער! 200
רויט רויט איז די זון 204
שפּיי איז מיין קינד! 207

צענטראַלע יידישע ביבליאָטעק
און פּרעסע אַרכיוו

שפּאַנט דער נייער טאָג אין וועג,
ברייננט א ליכטיקן פאַרמעג —
און צעטיילט עס גאָר דער וועלט,
איבער שטאָט און איבער פעלד...

„יעדער טאג פאר אונז איז נײַ"

אונזער קינדערוועלט

אונזער קינדערוועלט איז שיין,
זי איז פול מיט טויזנט ביין! —
טאנץ און שפרינג און שטיפ און לאך,
שפיל, געזאנג און פרייד א סאך...

אונזער וועג איז יונגער וועג,
האט קיין צוים און האט קיין ברעג —
אונזער טראט איז פול מיט קלאנג,
אונזער ווארט — איז א געזאנג!...

גיט קיין זארג פאר שיך און קלייד,
איז דאס הארץ איצט פול מיט פרייד —
אונזער זארג ליגט נאר אין שפיל,
יעדער טאג — א נייער ציל!...

יעדער טאג פאר אונז איז ניי,
ווייל מיר זיינען יונג און פריי! —
צי אין שטאט צי אפן פעלד,
איבעראל איז אונזער וועלט!...

שטורם? ווינטן? רעגן? שניי? —
איז א שיינער שפיל מיט זיי!
צי עס שיינט די זון צי ניין —
יעדער טאג פאר אונז איז שיין!...

אויס ווינטער

אָפגעפלויגן ווינטערפייגל
אין דעם לאַנד פון קעלטן,
וואו עס זיינען פראָסטן גרויסע
און די זון שיינט זעלטן.

אָפגעפלויגן ווינטערפייגל,
זון טוט העלער שטראַלן,
וועלן טעג שוין מער ניט קאַלט זיין
און קיין שניי ניט פאַלן.

אָפגעפלויגן ווינטערפייגל,
הימל פאַרבט זיך בלויער,
לופט איז פול מיט שאַרפע רייכעס
פון דער ערד דער הויער.

אָפגעפלויגן ווינטערפייגל,
ווינטער מיטגענומען;
אָפגעפלויגן ווינטערפייגל —
וועט איצט פרילינג קומען.



אין אַ פֿאַרפֿרילינג טאָג

כ'האָב מייך שליטל שוין באַהאַלטן
און דעם באַל צום שפּיל גענומען,
ס'איז דער ווינטער שוין אַריבער
און דעם פֿרילינג זעט מען קומען.

ס'איז פֿון ווינטערס ווייסע שנייען
מער קיין צייכן נישט פֿאַרבליבן
און די שוואַרצע ווינטערפֿייגל
האָט די פֿרילינג־לופֿט פֿאַרטריבן.

זיינען גאַסן אויסגעטריקנט
און מיט העלער זון באַגאָסן,
קינדער אויסגעטאָן פֿון ווינטער,
רייט דאָס פּנים, האָר—צעפֿלאָסן.

ווער עס שפּילט אין באַל צי שפּרינג־שטריק,
ווער עס פּרואוווט זיך לויפֿן בעסער, —
יעדער שפּילט מיט נייעם קוואַד,
יעדער פֿילט היינט שטאַרקער, גרעסער...

פֿליט מיין באַל היינט פֿלינקער, העכער,
כ'שפּיל דעם שפּיל מיט פֿרישן פֿייער, —
פֿרילינג, גוט איז וואָס דו קומסט שוין, ,
מיט דיר פֿיל איך נייער, פֿרייער!...

פרילינג אין דאָרף

אונזער פעלד איז שוין צעאַקערט,
אַלע ביימער בליען,
פילע פייגעלאך פון זומער
איבער פעלד שוין פליען.

ס'איז די זון היינט ווייס צעגאָסן,
ליכטיקער און מילדער,
און פאַר פרייד פון פרילינגס קומען —
לויף איך אום היינט ווילדער.

ניט נאָר איך, נאָר אויך באַם קעלבל,
קאַטשקעס, הינער, הענער,
פערד און קי און — אַלץ וואָס לעבט דאָ,
איז די פרייד ניט קלענער.

אַלע זיינען מונטער, פריילאך,
טאַנצן, לויפן, שפרינגען,
מעקען, קוואַקען, הירזשען, קרייען, —
דאַכט זיך, אַז זיי זינגען.

יעדער זינגט אַ ליד דעם פרילינג,
אַלץ איז ניי געבאָרן! —
פון דער שטאַל און פון דער פינצטער
איז מען פריי געוואָרן...

ס'איז אין דרויסן פֿריי און לופֿטיק,
וון אַפֿ אַלע וועגן, — — —
אויגן קענען ווייט איצט קוקן
און בא קיינעם פֿרעגן...

און דאָס האַרץ ווערט פֿול און פֿלעגע,
פֿרילינגלופֿט — פֿאַרפֿומטע!
יעדעס גליד צעוואַקסט, צעשפּרייט זיך,
ווי צעבליטע בלומען...

דאַס קעלבל צום האָז

לויפן אום מיר ביידע
אַף דעם גרינעם גראָז,
מיך זיי רופן: ק ע ל ב ל !
דיך זיי רופן: ה אָ ז !

איך — לויף ווילד און ווילדער,
שפּיל מיך מיט דעם ליכט ;
דו — קריכסט און באַהאַלטסט דיך
צווישן גראָז געדיכט.

איך — בין שטאַרק און העלדיש,
נאָרנישט אין מיין וועג:
דו — באַם קלענסטן שאָטן,
פֿרענסטו שוין: איך מעג?

איך — רעדט הויך, און מוראַ,
צו איעדן האַר;
דו — און צען זיך קאַרטשעסט
פֿאַר דעם גרעסטן נאַר.

איך — שפּרינג אויף די פֿעלדער,
עס פֿון וואָס איך וויל:
דו — מיט שרעק און ציטער
בעטלסט און דער שטיל.

שרעק דיך נישט, מיין באַוועה,
טו אַזוי ווי איך
און דו וועסט דערפֿילן,
אַז ביזט שטאַרק בא זיך!

דו וועסט שנעל דערפֿילן,
אַז דו האָסט פֿיל מוט! —
שווינגן, קריכן, בעטן,
איז נים שיין, נים גוט...

פעלד, אַ פעלד!

פעלד, אַ פעלד,
וועמעס ביזטו פעלד, אַ פעלד? —
נישט מיין טאַטנס נישט מיין מאַמעס,
נישט מיין ברודערס נישט מיין שוועסטערס,
פעלד, אַ פעלד.

פעלד, אַ פעלד,
וועמעס ביזטו פעלד, אַ פעלד? —
נישט מיין אָנקלס נישט מיין מומעס,
נישט מיין זיידנס נישט מיין באָבעס,
פעלד, אַ פעלד.

פעלד, אַ פעלד,
וועמעס ביזטו פעלד, אַ פעלד? —
ביזט נישט אונזערס ביזט נישט זייערס,
און ביזט אויך נישט אונזער שאָכנס,
וועמעס ביזטו פעלד, אַ פעלד? — — —

פעלד, אַ פעלד,
עפּשער ביזטו יענעם מענטשנס,
וואָס קומט יעדן טאָג צו פאָרן
אַף אַן אויטאָ אַף אַ גרינעם,
פעלד, אַ פעלד? —

פעלד, אָ פעלד!
אונזערס ביזטו פעלד, אָ פעלד.
נישט אָט יענעם מענטש דעם פרעמדן,
וואָס קומט אַלעמאָל צו פאָרן
אַף זײַן אויטאָ אַף דעם גרינעם,
קוקט אונז אָן מיט בייזע אויגן,
פעלד, אָ פעלד.

פעלד, אָ פעלד,
יעדן טאָג, שוין פון באַגינען,
אײדער זון הויבט אויף דעם שלײער,
צי פון טוי, צי קאַלטע ראָסע,
זײַנען מיר מיט דיר אינאײנעם.
מיר — דיך שײנקען אונזער קויאַך,
דו — גיסט אונז דאָס ברויט צו עסן,
און מיר ליבן אין דעם צווײטן,
און מיר פרײען זיך אינאײנעם,
פעלד, אָ פעלד.

פעלד, אָ פעלד,
אונזערס ביזטו פעלד, אָ פעלד!
סײַ אין זומערס גרעסטע היצן,
סײַ אין גרויסע רעגן־שטורעמס,

ליגן מיר אױף דײנע פלאכן
און מיר אַקערן און זײען,
און מיר קאָסן און מיר בראָנען,
און מיר שנײַדן און מיר דרעשן,
יעדן טאָג, שױן פון באַגינען,
ביז די נאַכט דערקומט צו אונז אַלע,
פעלד, אַ פעלד.

פעלד, אַ פעלד,
אונזערס ברײטס פעלד, אַ פעלד! — — —

דאָס אַקעראײַזן

א מאַטאָנע די קינדער פֿון
די אידישע _קאָלאָניסטן
אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד.

אַקערט, אַקערט, אַקעראײַזן,
ס'זעט אונז גרינטע וואונדער רײַזן,
ערד און שטיקער שנײדט:
ווערט די גרינט אַזוי צעשניטן
און מיט ברײט א סאָך פֿאַרביטן
דורך דער אַקער־צײַט...

ליגן ברײטן אויסגעטײלטע,
פֿאַר אַזױפֿל אָפּגעצײלטע
קאָרן, ווײץ, פּאַפּשױ:
ווי א רינגע, לײַכטע כמאַרע,
הייבט זיך אויף פֿון פֿעלד א פּאַרע
פֿון דעם פֿרישן הנאָ.

איז נישטאָ מער קײן מעניע,
ווערן טאַרבעס פֿול מיט זריע
אָפֿן פֿעלד געשפּרײט;
אונטער הײטע פֿרילינג־פֿאַנגען
אירן אַקערן און בראַנגען
ביז די זון פֿאַרגײט...

און מיר, קינדער, ניט באַזונדער,
העלפֿן מיט צום גרינטן וואונדער
אָף צעאַקערט_פֿעלד;
וועלן מיר, ווי אַקעראײַזן,
פֿילע וואונדער נאָך באַווײַזן
פֿאַר דער גאַנצער וועלט!...

דאָס אַקעראײַזן

פרילינג פרייד



פרילינג איז שוין דא,
פרילינג אויף דער וועלט.
פרילינג פראַל,
זון געשטראַל.
קומען פייגעלאך צו פליען
און די ערד הייבט אן צו בליען,
פרילינג! פרילינג!
פרילינג! פרילינג!

פרילינג אין מיין האַרץ,
זון אין מיינע אויגן.
פייגל־הויך,
הימל־הויך,
וואָלט איך געפלויגן און געזונגען
און מיט גלעקעלאך געקלונגען:
פרילינג! פרילינג!
פרילינג! פרילינג!

ברענגט דער פֿרילינג פֿרייד,
פֿרילינג פֿרייד איז גוט.
פֿרילינג גיט
גרינג געמיט — — —
שפּרינג איך אױפֿן פֿרישן גראָז,
ווי אין פֿעלד אַ פֿרייער האָז
און איך שריי
הויך און פֿריי:
פֿרילינג! פֿרילינג!
פֿרילינג! פֿרילינג!

אינדערפרי

בלוי האָט זיך צעלאַכט דער הימל
זון — אַף גאַסן אויסגעשפּרייט,
קינדער, ציכטיקע און ריינע,
גייען אין דער שול מיט פרייד.

גייען מיר דער זון אַקעגן,
פון דער נאַכט גוט אויסגערוט, —
צו דעם נייעם טאָג דעם שיינעם
קומען מיר מיט פרישן מוט...

פליען פייגעלאך און זינגען,
ציען זיך צום הימל גלייך,
ווי זיי וואָלטן איצטער שווימען
אין אַ זוניק בלויען טייך. —

ווי זיי וואָלטן איצטער פליען
צו דעם לאַנד פון זון און גליק, —
קינדער, ליכטיקע און שיינע,
שיינקען זיי אַ ליבן בליק...

אַ פרילינג־מאָרגן

בליט אַ שיינער פרילינג־מאָרגן,
פרילינג פרילינג איבעראַל! — — —
ביימער בליען, וואַקסן בלומען,
אָפן איז דער פרילינג קוואַל.

שטראַלט די זון מיט נייעם צויבער,
הימל בלויער מילד און קלאָר —
פייגעלאַך שוין אויפגעשטאַנען
און זיי זינגען אין אַ כאָר.

און זיי וועקן אַלע קינדער,
אַלע מענטשן אויף פון שלאָף:
— טשווי־טשווי טשווי־טשווי, טשווי־טשווי־טשווי־טשווי,
מאַכט שוין פון דעם שלאָף אַ סאָף!...

איז דער לאַנגער, בייזער ווינטער
נישט געווען גענוג פאַר איך?! —
וויפיל איז דער שיר צו שלאָפן,
מענטשן, קינדער, שטייט אויף גליך!...

טוט זיך אָן אין יאָנטעוו־קליידער,
לויפט אַרויס פון קאַלטן הויז, —
טשווי־טשווי טשווי־טשווי, טשווי־טשווי טשווי־טשווי,
אויף דער שיינער גאַס אַרויס!

און זיי זינגען אין א כאר.
און זיי וועקן אַלע קינדער

ס'איז די זון שוין אױפֿגעגאַנגען,
פֿרילינג־זון מיט פּראַכט און גלאַנץ! —
נעמט זיך אַלע פֿאַר די הענטלאַך
פֿאַר דעם פֿרילינג גייט אַ טאַנץ.

זינגט אַ ליד מיט אונדז אינאײנעם,
זינגט דאָס ליד באַזונגען, באַהעלט! —
טשיר־טשיר טשיר־טשיר, פֿריילאַך, מונטער,
פֿרילינג איז איצט אויף דער וועלט.



פרילינג גלעקלאך

פרילינג קלינגט מיט בלויע גלעקלאך,
קלינגט פֿאַנאַנדער גרינע פרייד, —
וועקט אַלץ אויף צו נײַעם לעבן
איבער שטעט און פֿעלדער ברייט...

קלינגט מיט בלויע גלעקלאך פרילינג,
שווימט פֿון האַרץ אַוועק דער ווי —
וואַשט פֿון פֿײַנטער דעם־טרויער
און טוט שמײַכלען אַן אַף ווי...

פֿילט הײַנט יעדער גוט און מונטער,
שלעכטע ווערטער זײַנען ווײַט —
יונגע, אַלטע און אויך קראַנקע
פֿילן היילונג אין דער צײַט...

קלינגען פרילינגס גלעקלאך, קלינגען,
טראָגן גרוסן גוטע אַן —
און אין הערצער, ערד און ביימער
האָט אַן ערשטער בלי געטאָן...

פּרילינג אין פּאַרק

ביימער, ערד צעבליט אין גרין,
פייגל־שפּיל — געזאַנג און טאַנץ,
אויפגעלעבט און ווידער ניי —
זון צעשטראַלט אין פולסטן גלאַנץ.

שטראַלן שיטן זיך אַף ד׳ערד,
ליגן אום זיך נאָענט און ווייט —
שטריפן גאָלד און שטרייפן גרין,
ווי צוויי שפּיגלען זייט באַ זייט.

פליט אַ ווינטעלע אַדורך,
איז דאָס שפּילעוודיק אַזוי :
דעם אַ גלעט און דעם אַ קוש,
און לעקט אָפּ פון גראָז דעם טוי.

איז אין פּאַרק איצט אַזוי שיין,
אין דער פריעדיקער שאָ, —
בין איך אויך אַ פּרילינג־קינד
מיט זיי אַלעמען אַט־דאָ.

זון אין שטראַלן טוט מיך אָן,
אייגן — פאַרבט דער הימל בלוי,
און מיין פּנים וואַש איך אָפּ
מיט פריש־דימענטדיקן טוי.

בלי איך, ווי אַ פרילינג־בלום,
ס'האָט דער פרילינג אַלץ באַנייט! — — —
ס'איז דער פּאַרק מיט וואונדער פול
אין פרימאָרגן פרילינג־צייט.



אַזעלכע פרילינג טעג

פרילינג טעג, — ווי קליינע קינדער, —
קריכן אַף דער ערד אַרום,
קוקן אַן אַלץ מיט גרויס וואונדער,
פּלאַפּלען עפּעס שטיל און שטום.

טרעפן טעג אַזוי פאַרשידן:
טייל, ווי קינדער פול מיט ביין,
טייל, — ווי קינדער כמורנע, טריבע,
שטענדיק נאָר מיט אַ געוויין...

נאָר די פרילינג טעג מיט ווּנשיין,
קינדער ליכטיקע אַזוי —
איינגעלאַך אַזעלכע בלויע,
ווי דער הימל אַזוי בלוי.

שמייכלען, גלעטן און דערקוויקן,
גיסן הערצער אָן מיט פרייד —
ווי דערמוטיקן, דערפרישן,
ביז די זון מיט זיי פאַרגייט...

ווייניקן מיר היינט אַלע קינדער,
פרילינג־קינדער גרויס און קליין! —
לאָמיר שפּילן זיך אינאיינעם
ביז עס וועט די זון פאַרגיין...

מאַי

זון צעשטראַלונג,
זון באַנייאונג,
זוניק ניי דער מאַי איז ווידער ;
לופט געליטערט,
לופט — פּאַרפומען,
לופט פון מאַי אין אַלע גלידער...

בלויער הימל,
בלויער פלאַטער,
בלויער באַלעם אַלין פאַרצויגן ;
גרינע פעלדער,
גרינע יאַמען,
גרינע שפיגלען אין די אויגן...

בליען ביימער,
בליטן צוויבער,
בליסט מיט זיי אין בלי דעם שיינעם ;
זינגען פייגל,
זינגען לידער,
זינגט דאָס האַרץ מיט זיי אינאיינעם...

דער לעצטער
שול־טאָג

ווי אַ יאָנטעוו־טאָג אַ שײנער
איז דער לעצטער טאָג אין שול,
קינדער זײנען פרײ פון לערנען,
יעדער איז מיט האָפנונג פול...

אַלע קינדער ווײס פאַרפוצטע,
שײן און יאָנטעוודיק געקלײדט,
ווי אַ פרילינג־זון צעגאָסן
איז די ווײסקײט אויסגעשפרײט.

און די קינדער זײנען פרײלאך,
לוסטיק, לאַכנדיק, פאַרשײט —
יעדער פילט אַ פרײד אַ גרויסע,
ווען מען ווערט פון שול באַפרײט...

אויך די לערער זײנען גוט הײנט,
לאָזן שטיפן פיל מען וויל:
אונזער פרײהײט — זײער פרײהײט,
אין צוויי הערצער — אײן געפיל...

ברענען אויגן, פלאַמען בעקלאך,
קלאַפן פיסקלאך — קלינגען רײד,
און מיט הימל־בלויע פליגל
פליט אַרום די יאָנטעוו־פרײד...

SCHOOL
GIRLS
BOYS

און פֿיל קינדער גראַדואירטע
מיט דיפּלאָמען און די הענט

און מיט בלומען באַ די זייטן —
פֿון דער מאַמען אַ פּרעזענט...

שמעקן בלומען, שטראַלן אויגן,
און די פרייד איז אַזוי גרויס! — — —
פון די ערשטע קינדער־יאָרן
איז דער כאַלעם היינט שוין אויס...

אין די שול אונז ליב און טייער
און גיט היינט אַזוי פיל גליק
די, וואָס האָבן גראַדואירט שוין,
די, וואָס קומען נאָך צוריק...

קלינגט דער שול־גלאָק, האַרציק קלינגען,
זאָגט אונז אָן מיר זיינען פריי! —
ווי אַ שיינער רעגנבויגן
איז די צייט היינט שנעל פאַרביי...

לויפן קינדער לוסטיק, פרייע,
פליען פון די טרעפ אַראָפ,
און די זון, וואָס וואַרט אין דרויסן,
קושט אַ יעדן אַפן קאָפ...

זומער

ערשטער טאג אפן פעלד

ערשטער טאָג
אַפֿן פֿעלד

מיטן טאָג מיטן שײנעם,
מיטן טאָג מיטן קלאָרן,
האָבן מיר די שטאָט פֿאַרגעסן
און צום פֿעלד נאָענט געװאָרן.

און װי פֿײגעלאך באַפֿרײטע,
מיט אַ פֿרײד אין אונזערע אױגן,
האָבן מיר זיך װילד צעלאָזן,
אַפֿן פֿעלד זיך שנעל צעפֿלױגן.

װער אין טאָל, װער אַפֿן בערגל,
װער ס'האָט בלימעלאך געריסן;
װער צום טײַכל צו דעם שײנעם,
װאָס טוט אונטן רױִק פֿליסן.

אַלע, אַלע גיך געכאַפּט זיך
פֿון דעם שײנעם פֿעלד געניסן,
און באַגעגנט יעדן װאונדער
מיט אַ שמײכל מיט אַ זיסן...



אינדערפרי
מיט זון און פעלד

אויפגעשטאַנען וואַלד און פעלד,
רייכעס אַלערליי;
אויפגעשטאַנען אַלץ וואָס לעבט
און אויך מיר מיט זיי.

אויסגעגאָסן אַפן פעלד
זונליכט אַזוי פיל!
פאַלט פון קלאָרן הימל פרייד —
שיינער מאָרגן־שפּיל...

שטעלן מיר זיך אויס אין פעלד,
הענט מיר שפּרייטן אויס,
און מיר אָטעמען גאַנץ טיף —
און מיר ווערן גרויס...

טרינקען מיר די מאָרגנלופט
וויפל נאָר מען קען,
ווערן שטאַרקער מיר דערפון —
שטייגט אין אונז דער ברען...

וואַקסן מיר מיט לופט און זון,
ווי אין פעלד די בלום,
און, ווי שמעטערלינגען פריי,
פליען מיר אַרום.

אויפגעשטאנען
וואַלד און פעלד
רייכעס אַלערליי ;
אויפגעשטאנען אַלץ וואָס לעבט
און מיר אויך מיט זיי

אַפֿן דאָרף

בלומען, גראָז און ביימער,
פֿייגעלאך גאַנץ פֿריי,
זון מיט רויטן פּאָנים
שײַנט דאָ אויף גאַנץ ניי.

בלעטער גרינע, רויטע,
— פֿאַרבן אַלערליי —
קוקן אויס דאָ העלער, —
וואַקסן שענער זיי.

ליכטיקער דער טאָג דאָ,
ווײַסער נאָך פֿון שניי —
און דער ווינט איז פֿרײַער,
שטאַרקער ברומט זײַן ווײ.

וועגן שמאָלע, ברייטע,
האָבן נישט קיין סאָף,

און אַ באַרג אַרונטער
און אַ באַרג אַרויף.
הייזער נישט קיין הויכע,
אויטאָס אויך נישט פּיל,
פעלדער גרינע, ווייטע,
ביינקענדיק און שטיל...
אַלצ איז דאָ גאָר אַנדערש,
פון דער פרי ביז נאַכט, —
יעדער טאָג אַ נייער,
יעדערטאָג — אַ פּראַכט!

אַ רעגן אַפֿן פֿעלד

פֿאַלט אַ זילבער רעגן היינט
אַפֿן פֿעלד,
אַפֿן פֿעלד.

וואַשט דער רעגן אָפּ דאָס פֿעלד,
אונזער פֿעלד.
וואַשט און וואַשט אונזער פֿעלד.

קומט די זון און טריקנט אויס
ס׳גאַנצע פֿעלד,
ס׳גאַנצע פֿעלד.

קומט דערנאָך דער ווינט און קאַמט
ס׳גאַנצע פֿעלד,
ס׳גאַנצע פֿעלד.

אָפּגעוואַשט און אויסגעצוואָגט
איז דאָס פֿעלד,
אונזער פֿעלד.

שפּיגלט פֿעלד זיך אין דער זון,
גאָלדן פֿעלד,
גאָלדן פֿעלד.

שײַנט אַ נײַער העלער טאָג
אַפֿן פֿעלד,
אַפֿן פֿעלד.

שמײכלט פֿעלד און גײט אַ טאַנץ,
רופֿט אין שפּיל —
נײַער שפּיל.

שמעקט מיט פֿרישער ערד־און פֿעלד
אונזער שפּיל,
גרינגער שפּיל...

פעלד־בלימעלאך

בלימעלאך און בלימעלאך,
בלוי און ווייס און גרין און געל;
אין דער זון די בלימעלאך
בלענדן, לייכטן אַזוי העל.

בלימעלאך און בלימעלאך,
לילא, ראָזע, רויט און גרין;
אַפן פעלד די בלימעלאך
איינס אַזוי און איינס אַזוי.

פוצן זיך די בלימעלאך
מיט אַזויפיל פאַרבן־שײַן,
שפילן זיך אַ גאַנצן טאָג
ביז זיי דאַרפן שלאָפן גיין.

גוט מאָרגן ליד

גוט מאָרגן, גוט מאָרגן
הימל, זון און פעלד ;
גוט מאָרגן פייגעלאך
און דער גאַנצער וועלט.

גוט מאָרגן, גוט מאָרגן
דעם וואַלד, באַרג און טאָל ;
גוט מאָרגן דעם טייכל
און דעם ווידערקאָל.

גוט מאָרגן אונז אַלע,
שטיפער פון דער וועלט,
גוט מאָרגן דעם שוואַכן,
גוט מאָרגן דעם העלד.

מיר זינגען, צעקלינגען,
שטימען הויך און פריי —
די וועלט איבערבייען
מיר וועלן גאָר ניי...

דאָס בלוט אין די קינדער
פון קעמפער צעגליט,
צום זוניקן מאָרגן —
שטורעמט אונזער ליד...

רו און גרינגפרייד

בלויער הימל, פייערווו,
און פון גרינע בערג א קיט,
גאָלדגעוועבטער זמערטאָג
אָף די פעלדער אויסגעשפּרייט.

ליגן מיר אָף גרינעם פעלד,
און די פייגעלאך ־טשיר־טשיר,
און מיר פלאַפּלען ווייס איך וואָס
און מיר לאַכן אַן א שיר! — — — —

לאַכט דער הימל אויך מיט אונז,
און די זון — ז׳ בראָט און ברענט! —
צינדן אָן זיך פייער־הויט
יונגע פּענימער און הענט.

נעמט די זון אונז שטאַרק אַרום,
קושט אונז פאַר דער גאַנצער צייט! —
ווערן פּענימער צעבליט,
ווי די רויזן ווליצייט...

איז דאָ דאָ אַזויפיל פרייד,
טוט אונז נאָך דער שטאָט ניט באַנג! — —
קאַטשען מיר זיך אפן גראָז
מיט געלעכטער און געזאַנג...

בלימעלאך
און קינדערלאך

אַפֿן פֿעלד די בלימעלאך
סײַ באַטאָג און סײַ באַנאַכט, —
אַפֿן פֿעלד מיר קינדערלאך
סײַ באַטאָג און סײַ באַנאַכט.

אַפֿן פֿעלד די בלימעלאך
פֿון דער זון געהאַלזט, געקושט, —
אַפֿן פֿעלד מיר קינדערלאך
פֿון דער זון געהאַלזט, געקושט.

אַפֿן פֿעלד די בלימעלאך
פֿון די ווינטעלאך געגלעט, —
אַפֿן פֿעלד מיר קינדערלאך
פֿון די ווינטעלאך געגלעט.

אַפֿן פֿעלד די בלימעלאך
טראַכטן רעגן, טראַכטן זון, —
אַפֿן פֿעלד מיר קינדערלאך
טראַכטן רעגן, טראַכטן זון.

אַפֿן פֿעלד די בלימעלאך
אין אַ שײנעם פֿאַרבן שפּיל, —
אַפֿן פֿעלד מיר קינדערלאך
שפּילן אין אַ פֿאַרבן שפּיל.

בלימעלאך מיט קינדערלאך,
ווי באַווײדימלאך אין פֿעלד;
בלימעלאך און קינדערלאך —
אוי איז דאָס אַ שײנע וועלט!...

אַפן פעלד די בלימעלאַך - סיי באַטאָג און סיי באַנאַכט, —

אַפן פעלד מיר קינדערלאַך - סיי באַטאג סיי באַנאַכט ·

מיר ווי זיי

קוקט אַראָפּ אַף פעלד אַ הימל
ליכטיק בלוי, —
זיינען מיר אויך ווי דער הימל
העל אַזוי...

וואַרימט, גלעט די זון מיט שטראַלן
ליבע ערד, —
אַזוי גלעטן אונזערע טריט
ליבע ערד...

אַף די גראָזן בליאַסשצעט, ציטערט
דינער טוי, —
פינקלען אונזערע יונגע אויגן
אויך אַזוי...

ווינטלאַך פרייע און פאַרשייטע
שטיפן אום, —
שטיפן מיר אויך, ווי די ווינטלאַך,
פריי אַרום...

אַפן פעלד פאַרטוקן קווייטן
מיט פיל כיין, —
זיינען מיר אויך ווי די קווייטן
אַזוי שיין...

זומער־טרוים

זומער אין פעלד,
אַף גרינעם געשפּרייט,
פון אינדערפרי
ביז די זון פאַרגייט...

זומער אין פעלד,
די טעג אָן אַ ציל,
גרינג איז דאָס האַרץ,
מיט פרייד אַזויפיל...

זומער אין פעלד,
עס אָטעמט זיך גרינג,
לייכט איז דער גוף,
נאָר טאַנץ און נאָר שפּרינג...

זומער אין פעלד,
מען באָדט זיך אין זון,
ברוין ווערט דאָס לייב,
מ׳ווערט שטאַרקער דערפון...

זומער אין פעלד,
מיט ביימעלאך בלי,
וואַקסט אַזוי הויך —
מיט פייגעלאך פלי...

זומער אין פעלד,
מען פילט אַזוי פריי, —
שפּילנדיק זיך
דער טאָג גייט פאַרביי...

אַ פייגעלע פלי!

אַ פייגעלע, פייגעלע פלי,
די פליגעלאַך שנעלער באַוועג,
פאַר דיר איז קיין צוים גאָר נישטאָ,
ווי פריי איז דיין זוניקער וועג...

אַ פייגעלע, פייגעלע פלי,
און העכער צום הימל זיך טראָג,
וואָס ווייטער דו ביזט פון דער ערד —
פיל שענער דיין גאָלדענער טאָג...

אַ פייגעלע, פייגעלע פלי,
פלי גיכער און שטעל זיך נישט אָפּ,
און טראַכסטו פון הימלשער הויך —
טאָ קוק אַף דער ערד נישט אַראָפּ...

אַ פייגעלע, פייגעלע פלי,
און דריי דיך אין בלוילאַבן קרייז,
און זינג אונז אַ ליד פון דער הויך, —
אַ פייגעלע וואונדער באַוויז!

ווען אַ סאָווע וויינט

שרייט אַ סאָווע אין דער נאַכט
און זי וויינט און זי קלאָגט
מיט אַ טרויעריקן געשריי,
שרעקט דעם הימל מיט די שטערן,
שרעקט די שאָטנס אַפֿן פֿעלד,
וואַרפֿט אַ מורע אָן אַף ווי.

זיצט די סאָווע אַפֿן שפּיץ פֿון בוים,
בײַם העכסטן,
טראָגט זיך איר געשריי איבער פֿעלד,
פֿון עק צו עק,
וועקן אויף זיך אַלע פֿייגעלאַך אין די נעסטן
און זיי ציטערן פֿון שרעק.

קאָנען די פֿייגעלאַך שוין מער ניט שלאָפֿן
און זיי ליגן מיט די אייגעלאַך אָפֿן.

זינגען שטיל די פֿייגעלאַך און בעטן,
אַלע אַף אַמאָל,
דעם נאַכט־פֿויגל די סאָווע, וואָס שרייט
אין דער נאַכט אַף אַזאַ טרויעריקן קאָל:

סאָווע, סאָווע, טרויער־פֿויגל,
פֿאַרוואָס קלאָגסטו אין דער נאַכט?

פאַרוואָס זינגסטו ניט באַטאָג
גלייך מיט אונז, ווען זון איז דאָ,
און קיין מורא איז נישטאָ...
איז דיר ליבער דען אַ קלאָג,
ווי אַ געזאַנג,
וואָס זאָל צעקלינגען זיך אין טרערן,
עס זאָל יעדערן געפעלן ? — — —

נאָר די סאָווע וויל ניט הערן,
אירע קולעס שטאַרקער ווערן,
נאָר זי קלאָגט און וויינט ;
סאָוועס טרערן רינען, רינען,
קיינער קאָן דעם סאָד געפינען,
וואָס די סאָווע מיינט.

און אַזוי פון יאָרן, יאָרן,
זינט ס׳איז טאָג און נאַכט געוואָרן —
יעדע נאַכט אין פעלד אין פרייען
הייבט די סאָווע אָן צו שרייען
מיט אַ יאָמער און אַ קלאָג ;
מיט אַ שטילן טרויער־ניגן
ווערט די סאָווע ערשט אַנשוויגן,
ווען עס ברעכט אָף טאָג.

אַ טאָג איז אַוועק

אַ טאָג איז אַוועק,
אַ טאָג אַזוי שיין, — —
פֿאַלט נאַכט אַפֿן פֿעלד,
אַ נאַכט קומט צוגיין.

פֿאַלט נאַכט אַזוי שטיל,
זי שפּרייט זיך און שפּרייט --
ביז אַלץ אַפֿן פֿעלד
איז שלאָפֿן שוין גרייט.

צעוויקלט די נאַכט
אַ בלוילאַכע דעק
און דעקט צו דאָס פֿעלד
פֿון עק ביז צו עק.

ווערט פֿעלד אַזוי שטיל,
די נאַכט אַזוי בלוי,
עס שלאָפֿט איצט דאָס פֿעלד
צופֿרידן אַזוי.

פֿאַלט שלאָף אויך אַף אונז,
דער שלאָף אַזוי גרינג,
באַנאַכט אַפֿן פֿעלד
אין בלוילאַכן רינג — — —

„פאלט נאכט אין שטעטל“

אַ ביימעלע

ווי אַן אָרים קינד אַליין
אין דער גרויסער וועלט,
שטייט אַן עלנט ביימעלע
אויפֿן ברייטן פֿעלד.

ס'איז די ערד אַ מאַמע אים,
טרינקט עס אָן מיט וואַסער,
און די זון שיינקט וואַרימקייט —
האָט עס אַ שאָך קראַפֿט.

וואַקסט אַליין דאָס ביימעלע,
בליט עס אַזוי שיין,
צווייגעלאַך און בלעטעלאַך,
בלימעלאַך מיט ביין...

ווען אַ גרויסער שטורעמווינט
איבער פֿעלד זיך יאָגט,
רייסט די יונגע ביימעלאַך,
ערגעץ ווי פֿאַרטראָגט.

האַלט זיך אָן דאָס ביימעלע
אָן זײַן מאַמע־ערד
און מיט זײַנע צווײַגעלאַך
קעגן ווינט זיך ווערט.

ווען די נאַכט אַ פֿינצטערע
קריכט אַרויס פֿון וואַלד,
און ז׳ שרעקט דאָס גאַנצע פֿעלד
איפֿצועסן באַלד.

שרעקט זיך ניט דאָס ביימעלע,
ווייסט ס׳וועט גאַרנישט זײַן,
לאָזט אַראָפּ דאָס קעפּעלע
און שלאָפֿט רואיק אײַן...

דער אויבסט־גאָרטן

קאַרשן רויטע, קאַרשן שוואַרצע,
ווי די אייגעלאַך באַ קינדער,
פול מיט פייערדיקן צויבער,
בליצן, שטראַלן זיי אַצינדער.

באַרעלאַך מיט לאַנגע העלזלאַך,
פון דער זון מיט גאָלד באַצויגן,
ווי אינגעלאַך שטיפער גרויסע,
ווינקען, ריידן מיט די אויגן.

עפּעלאַך מיט ראָזע בעקלאַך,
ווי מיידעלאַך האַרציק שיינע,
ביינגלען זיך מיט זיסע שמייכלען
צו די באַרעלאַך די קליינע.

ווי מיט טוי באַדעקטע בלימלאַך
שפּיגלען זיך די בלויע פלוימען,
און ווי קינדער רואיק, שטילע,
שטענדיק איינגעטונקט אין טרוימען...

רייס איך קאַרשן, רייס איך באַרן,
עפּל, פלוימען, — רייבעס שמעקן,
און דאָס האַרץ זיי מיר דערקוויקן,
גאָרטן־סודעס זיי אַנטפּלעקן.

שטאָט און פעלד

שטאָט! — ביזט אָפּקום,
דו מאַכסט פון אַלץ אַ טעל:
און אַלע דיינע גאַסן
ליגט טויט באַ יעדער שוועל...

שטאָט! — ביזט שמוציק,
און ריין איז נאָר דאָס פעלד:
עס גיט דעם מענטשן קויאַך
און מאַכט פון אים אַ העלד!...

שטאָט! — ביזט פינצטער,
ליכטיק איז נאָר דאָס פעלד:
דאָרט זעען אויגן קלאָרער
און שענער איז די וועלט...

שטאָט! — ביזט איינג אונז,
דו ביזט אַף האַלז אַ שטריק:
דאָס פעלד איז פריי און אָפן
און גיט אַזויפיל גליק!...

שטאָט! — בײַזט אַפּקום,

זומער־צייט

זומער־צייט — די בעסטע צייט,
ווייל מיר זיינען פריי,
פריי פון שול, פון שווערן יאָך,
יעדער טאָג איז ניי...

יעדער טאָג — אַ לאַנגער שפּיל,
פון דער פרי ביז נאַכט;
צי אין גאַס צי אין דעם פּאַרק —
נאָר געשפּילט, געלאַכט...

שנעלער, קינדער, אין דעם שפּיל,
שטייט ניט אין אַ זייט,
ס'וועט דער זומער באַלד אַוועק
וועט ניט זיין קיין צייט...

שפּילט זשע, קינדער, איצט אַ סאַך
וועט ניט טאָן איך באַנג,
שפּילט דעם שפּיל מיט פאַרב און טאַנץ, —
און אויך מיט געזאַנג.

זומער־צייט — די בעסטע צייט,
ווייל מיר זיינען פריי;
זומער־צייט — די שענסטע צייט!
שפּילט דעם שפּיל אָפּס'ניי.

יעדער טאָג — אַ לאַנגער שפּיל

פאַרן „הייק“

זיינען מיר פאַרזאַמלט דאָ
צו דעם גרויסן „הייק“,
ווער עס וועט היינט גיין צו פוס,
ווער ס׳וועט פאָרן „בייק“.

אַלע אָנגעטאָן צום גאַנג,
אוניפאָרמס געל,
יעדער וואָרט מיט אומגעדולד
אַף דעם גאַנג־באַפעל.

אויפגעמונטערט און מיט לוסט,
לעבן פול מיט זאַפט,
ווייט פון יעדן „הייקער“ דאָ —
וואַקסט די יונגע קראַפט.

ווי דער הויש פון וואַסערפאַל
קלינגען אונז׳רע רייד,
יעדעס וואָרט איז יונג און פריש,
דורכגעשפריצט מיט פרייד.

האָט די זון זיך היינט צעפלאַמט,
שיינט מיט גרויס פאַראַד! —
וויקלט איין אין הויטן פלאַם
יעדן יונגן יאַט...

הויך צעשאַלט זיך דער טרומייט,
פֿאַר'ן „הייק" דער רוף!
יעדער „הייקער" מאַכט זיך גרייט,
שטאַלין באַוועגט זיין גוף.

מיטאַמאָל קלינגט אויף אַ ליד,
שטימען פול מיט ברען! —
אַלע זינגען מיט געפיל,
יעדער, ווער עס קען.

מיר מאַרשירן צו דעם טאַקט,
מוטיק יעדער טראָט! —
מיט אַ שטורעמדיק געזאַנג
ציען מיר פון שטאָט.

איבער אונזער ערד

ווי די זון צעוואַרפֿט די שטראַלן אינדערפֿרי
איבער אונזער ערד, —
אַזוי צעוואַרפֿן מיר זיך יעדן אינדערפֿרי.
איבער אונזער ערד...

ווי די שטראַלן שפּילן זיך אַ גאַנצן טאָג
איבער אַלע גאַסן, —
אַזוי שפּילן מיר זיך אויך אַ גאַנצן טאָג
איבער אַלע גאַסן...

די שטראַלן פֿון דער זון זיינען ליכטיקע
און וואַרימען די גאַסן, —
אַזוי וואַרימט אונזער שפּיל דער ליכטיקער
אַלע אונזערע גאַסן...

איבער
אונזער
ערד

שפּיל איז
אונזער לעבן

ס'איז דער טאָג שוין מער נישטאָ,
נאַכט ליגט אויף די גאַסן,
נאָר מיר לויפן נאָך אַרום
און מיר שפּילן, שפּאַסן.

ווער מיר עסן, וואָס מיר שלאָף,
ווען עס ווילט זיך שפּילן,
זיין אין דרויסן אַזוי לאַנג
וויפיל מיר נאָר ווילן.

זיינען מיר אַ גאַנצן טאָג
מיט דעם שפּיל־פאַרנומען,
שפּילן מיר איך אונזער שפּיל
ווען די נאַכט טוט קומען.

ס'איז דער טאָג אונז ניט גענוג,
שפּיל איז אונזער לעבן! —
און מיר וואָלטן פאַרן שפּיל
אַלץ אוועקגעגעבן...

שפּיל-לוסטיקייט

מײלעכלאך, ווי גלעקלאך,
ווערטערלאך — ווי רינגען,
פֿאַלן זיי אין הויפֿנס,
קלינגען זיי און קלינגען.

קלינגען מיר מיט גלעקלאך,
קלינגען און פֿאַרקלינגען —
שפּרינגען אין דער לופֿטן,
טאַנצן מיר און זינגען.

קלינגען מיר מיט גלעקלאך
וויפֿל נאָר מיר קאָנען,
פֿליען ווי די פֿייגל
און ווי לופֿטבאַלאָנען.

קלינגען מיר מיט גלעקלאך
גלייך דער זון אַקעגן
און די הענט און פּיסלאך
שנעלער מיר באַוועגן.

קלינגען מיר מיט גלעקלאך,
טרוימען זיך צעשפּילן,
וועקן אויף בא יעדן
קינדערשע געפֿילן...

א שטראַלן טאַנץ

שטראַל אַהער, שטראַל אַהין,
רויט און בלוי, געל און גרין:
איז אין גאָרטן אַזוי שיין,
קומט די פֿרייד אַהער צו גיין.

שטראַל אַהער, שטראַל אַהין,
רויט און בלוי, געל און גרין:
טאַנצט די פֿרייד אין יעדנס בליק,
זייַנען הערצער פֿול מיט גליק.

שטראַל אַהער, שטראַל אַהין,
רויט און בלוי, געל און גרין:
קייטלען אַלע מיר זיך איין
און די פֿרייד אין־מיט אַריין...

שטראַל אַהער, שטראַל אַהין,
רויט און בלוי, געל און גרין:
טאַנצן מיר דעם שענסטן טאַנץ
און מיר פֿלעכטן פֿרייד אַ קראַנץ...



נאָכן שפּיל

נאָכן שפּיל
טאָג נישטאָ:
נאָכן שפּיל —
שטילע שאַ...

שיין געווען
יעדער שפּיל,
זיך געשפּילט
אַזוי פיל...

אָנגעשפּילט,
שפּאַס געהאַט,
נאָכן טאָג —
מיד און מאַט.

יעדעס קינד
שלאָפן גייט,
און די נאַכט
איז באַגלייט.

צוריק אין שטאָט

שוין געענדיקט זיך דער יאַנטעוו
פֿון דער פֿרײַער צײַט,
פֿון דעם גרינגן זומער־לעבן —
פֿול מיט פֿרײלאַכקײט.

ווער עס האָט פֿאַרבראַכט דעם זומער
אין דער אײנגער שטאָט;
ווער אַף פֿעלדער גרינע, פֿרײַע,
אויסגערוט זיך האָט.

ווער אין יאַם זיך האָט געבאָדן
און געהאַט פֿיל שפּאַס;
ווער געקילט זיך מיט די שפּריצערס
אַף דער פֿרײַער גאַס — —

אַלע זײַנען שוין געקומען
אין דער שטאָט צוריק,
גאַסן האָבן אויפֿגעלעבט הײַנט
מיט פֿיל קינדער־גליק...

יעדער האָט וואָס צו דערצײלן
פֿון דער זומער־צײַט,
און עס קלינגען קינדער־שטימען
זיס און ווילד־פֿאַרשײַט....

זינגט דער דיכטער...

זינגט דער דיכטער קינדער־לידער,
שרייבט זיי אָן אויף ווייס פּאַפּיר,
שלייפֿט די ווערטער ווי דיאַמאַנטן,
שיינקט אַוועק זיי מיר און דיר.

לייענען מיר די קינדער־לידער
און דאָס האַרץ מיט פֿרייד ווערט פֿול! —
צי דאָס איז פֿון פֿרייען הויזן,
צי פֿון לעבן פֿון דער שול.

איז דער טאָג אַ בלאַסער, גרויער,
און ס׳ווערט אומעטיק דיין בליק, —
זינגסט אַ ליד — פֿאַרשווינדט דער טרויער,
ברענגט די האָפֿנונג אונדז צוריק...

קומט אַ יאָנטעוו אָן אַ שיינער —
און אַ ליד איז ניט אַ קער,
עס צעגיסט זיך אין געזאַנגען
און דערהייבט די פֿרייד נאָך מער!...

זינגט ער אונדז פֿון אונדזער לעבן,
צי פֿון טרויער צי פֿון פֿרייד, —
און אויף אַלע אונדזערע וועגן
מיט געזאַנגען אונדז באַגלייט.

האַרבסט־ווינטער

אַוועק איז דער זומער

נישטאָ שוין מער קיין בלימעלאַך,
דאָס פעלדעלע שוין נאַקעט,
די שוואַרצע ווינטערפייגעלאַך
איצט האָבן זיך צעקראַקעט.

עס בלאָזן קאַלטע ווינטעלאַך,
די בלעטעלאַך שוין פאַלן;
עס גיט שוין אונזער זונעלע
פיל ווייניקער די שטראַלן.

עס מורמעלט קוים דאָס טייכעלע,
ווי ס'וואָלט אַצינד געשלאָפן;
עס קוואַקען שטיל די זשאַבעלאַך,
און נאָרעלאַך אַנטלאָפן.

עס פליען אָפ די פייגעלאַך,
די נעסטעלאַך פאַרלאָזן,
און זעגענען זיך זינגענדיק
מיט ביימעלאַך און גראָזן.

זומערדיקע, שפילעוודיקע
טעג שוין באַלד פאַרשווינדן, —
און קאַלירן האַרבסטיקע
נייע טעג זיך צינדן...

אָקטאָבער

אָקטאָבער איז אַ כוידעש,
וואָס איז זייער אַ גוטער,
ווען פון פעלד דער פויער
עסט שוין ברויט מיט פוטער...

אָפגעראַמט די פעלדער,
גרינג איז אַפן האַרצן,
אין דעם פויערס שייער
טוט קיין נויט ניט שוואַרצן...

אָנגעפאַקט מיט טוואוע
הויך, אַזש ביז דער סטעליע, —
דרעשערס האַסטיק דרעשן,
ס'קלינגט, ווי אַ קאַפעליע.

זינגט דער פויער לידער —
זאָרגלאָז, נאָר באַשיידן, —
שפייז איז דאָ פאַר קינדער,
וועט זיי אויך באַקליידן...



מײַן גרוס
צו פֿעלד און טאָל

שיק איך אַף מײַן גרוס אַזוי:
צום שײנעם פֿעלד, צום גרינעם וואַלד,
און צום טײַך, וואָס פֿליסט דאָרט שטיל,
און צום שאָטן, וואָס איז קיל.

שיק איך אויך מײַן גרוס צו דיר:
צום הויכן באַרג, צום טיפֿן טאָל,
און צו אַלע, וואָס לעבט דאָרט שײַן
פֿון זונאויפֿגאַנג ביז זונפֿאַרגײַן.

שיק איך אויך מײַן גרוס דער ווינט,
וואָס שײנקט אונז דאָרט אַזויפֿיל גאָלד, —
איך דער לוואַנע, וואָס פֿאַרטראַכט
היט אונז אַף אַ גאַנצע נאַכט.

שיק איך אויך מײַן גרוס פֿאַר זיי,
שטערנדלאַך פֿון בלויער נאַכט, —
קינדערלאַך, ווי טראָפּנס טוי,
שפּילן זיך אַף הימלבלוי.

שיק איך אויך צו אייך מיין גרוס,
שמעטערלינגען, פייגעלאך:
אייער שיין שטיל־זונגעזאנג
כ׳וועל געדיינקען לאנג, נאך לאנג — — — —

שיק איך אפ מיין גרוס צו די
מיט ליבע און מיט ביינקשאפט פיל:
שנעל אוועק דער ווינטער זאל —
כ׳פאר צוריק צו פעלד און טאל.



אַז אַ היים

ס'איז דער זומער שוין פֿאַרגאַנגען
און דער אָסיען איז געקומען:
טאָג און נאַכט נאָר רעגנט, רעגנט,
און די בלאָטעס ווערן גרעסער.

שײַנט באַטאָג די זון איצט זעלטן,
ס'איז דער הימל נאָר פֿאַרוואָלקנט —
און די ווינטן רײַסן, בײַסן,
און אין דרויסן ווערט אַלץ קעלטער.

ס'איז פֿאַרמאַכט שוין טיר און פֿענצטער
פֿון די קראָמען, פֿון די הײַזער,
און פֿיל גרויע שוואַרצע רויכן
פֿון די קוימענס פֿאַלן נידריק.

גייען איצט שוין אַלע קינדער
אָנגעטאָן אין וואַרעמע קליידער,
גאַנצע שיכלאַך אַף די פֿיסלאַך
און זיי פֿילן גוט און וואַרים.

טוט זי אַז אַזוי די מאַמע,
ווי מײַן מאַמע פלעגט מיך אָנטאָן,
אַז איך זאָל מיך ניט פאַרקילן
אין די קילע טעג פון אָסיען.

אָבער איצט האָב איך קיין מאַמע
און קיין היים, ווי אַנדערע קינדער, —
וואו זאָל איך מיך איצט אַהינטאָן? — —
וועלכע קליידער זאָל איך אָנטאָן? — —

בלויז, פאַרהונגערט, נאַקעט, באָרוועס,
פון דעם רעגנווינט געטריבן,
יאָג איך טאָג און נאַכט אַרום מיך,
ווי אַ הונט אין עלנט פרעמדער.

און אַזוי וועל איך פון הונגער
און פון קעלט אין גאַס דאָ אויסגיין,
און איך וועל אויך אַזוי ליגן,
ווי דער הונט דאָ אין דער בלאָטע...

אַ בייזער ווינט

פֿליט אַ בייזער ווינט אַרום,
גאַס אַריין און גאַס אַרויס,
פֿליט אַהער און פֿליט אַהין,
שמעקט אַרום אַ יעדעס הויז.

הייבט די העמדלאַך אין דער הויך,
ווי באַלאָנען בלאָזט זיי אָן,
און אָט רייסט ער איינס אַראָפּ —
שוין אַ שפּיצל אָפּגעטאָן.

פֿליט ער ווייטער אין דער גאַס,
כאַפּט אַ קאַפּעליוש אַראָפּ,
רייסט דעם מענטשן פֿאַר די האָר
און צעטאַנצט זיך אויף זיין קאָפּ.

און געפֿעלט אים ניט אַ זאַך,
ווערט ער ווילדער נאָך פֿון ווילד:
און אָט פֿליט אַראָפּ אויף דר׳ערד
מיט אַ טראַך אַ גרויסע שילד.

שלעפּט און וואַרפֿט אום יעדע זאַך
מיט אַ ווילדן גרויסן קאַאַס,
טרייבט די קינדער שנעל אין הויז,
לאָזט ניט שפּילן אויף דער גאַס.

אַן עלנט קינד

שטורעם ווינט, שטורעם ווינט,
יאָג נישט אַזוי שנעל,
לאָז צורו אַן עלנט קינד
אויף דער האַרטער שוועל.

שטורעם ווינט, שטורעם ווינט,
שלאָג נישט אַזוי שטאַרק,
טאַטע־מאַמע האָב איך נישט —
וואַלגער זיך אין מאַרק.

ס'איז פֿאַר מיר קיין ליבע היים
און קיין ברויט נישטאָ —
שטורעם ווינט, שטורעם ווינט,
לאָז מיך שלאָפֿן דאָ.

האַרבסט אין פּאַרק

—

בלעטער ליגן אַף דער ערד,
ביימער — נאַקעט און פאַרקלערט, —
אויסגעטאָן איז יעדער בוים
פון זיין זומערדיקן טרוים.

בלומען זיינען מער נישטאָ,
און דאָס גראָז איז געל און גראָ. —
נאָר די זון, מיט האַרבסטיק גאָלד,
האָט דעם פּאַרק ניי אויסגעמאָלט.

פליט אַ פייגעלע נאָך וואָס,
פליט עס מיד און זוכט איצט רו, —
דער פאָנטאַן שפּריצט אויך נישט מער,
וועלכן קומט איצט ווער אַהער.

ס'האָט דער פּאַרק זיין זומער-ליד
אויסגעזונגען און איז מיד...
נאָר מיר קינדער, ווען נאָר וועלן,
שפּילן דאָ אַ שפּיל מיט ברען! — —

א האַרבסט־טאָג

ס'איז דער הימל גרוי און שוואַרץ,
כמאַרעס שנעל זיך יאָגן,
צי פֿאַר רעגן, צי פֿאַר שניי —
קיינער קאָן דאָס זאָגן.

ווייניק קינדער היינט אין גאַס,
וועט מען זיך ניט שפּילן, —
מאַמעס לאָזן ניט אַרויס:
מ'קאָן זיך נאָך פֿאַרקילן!

ס'איז אין דרויסן אַזוי קאַלט,
ביזע ווינטן ברומען, —
וועט היינט עפּשער, אָפּדערנאַכט,
ווינטער שוין אָנקומען!

דער ערשטער שניי

פאַלט דער ערשטער שניי פון הימל,
פאַלט מיט נאַכט באַנאַנד,
ווערט די שטאָט געפאַרבט אין ווייסן
פון דעם ווינטערדיקן האַנט.

פאַלט געדיכט דער שניי פון הימל,
ליגט זיך שטיל אויף דר'ערד,
ווייסער בלענד שפּילט אין די אויגן —
אַליין פאַרש[illegible]עט ווערט.

לויפן קינדער פון די הייזער
שנעל אין גאַס אַרויס,
יעדער טראָגט זיך מיט זיין שליטל
און די פרייד איז גרויס!

קוילעס ווילדע, פרייד־געשרייען,
קלינגען אין דער לופטן,
און דער ווייסער שניי דער שיינער
ווינקט און לאַכט און רופט:

קומט איר, קינדער, יאַטלאַך יונגע,
יונג, ווי איך אַליין —
שנעלער וואַרפט זיך מיט די שליטלאַך,
ס'איז קיין צייט צו שטיין.



דער ערשטער שניי

ס'איז די גרויסע שטאָט ניט זיבער,
איך האָב דאָ קיין זין — —
הערט מען מיך דאָ באַלד צעטרעטן, —
איך בין צאַרט און דין.

שליטלט איצט זיך פיל איך קאָנט נאָר,
נוצט אויס היינט די שאָ! —
מאָרגן, קינדער, קאָן זיך טרעפן,
בין איך שוין נישטאָ.

ווערן קוילעס שטאַרקער, ווילדער,
אַלע שטייען גרייט
אַף דעם שניי זיך איצט צו וואַרפן
נאָר פאַרשיטערהייט.

טראַך! — טראַך! — טראַך! —
און ס'פליען שליטלאַך,
צינדן פונקען אָן!
באַרג אַרויף — פאַר באַרג אַרונטער,
וויפל נאָר מען קאָן.

קלינגען שליטלאַך און גלעקלעך,
פרייד פון ערשטן שניי! —
שליטל, שליטל זיך וואָס גיכער,
שנעלער פלי פון זיי.

ס'איז שוין ווייניק צייט פֿאַרבליבן,
ס'דאַרף באַלד שלאָפֿן גיין, —
פֿלי זשע שנעלער שליטל מײַנער,
ס'איז איצט אַזוי שיין.

אין די נאַכט אַ שפּיל געוואָרן:
שליטלאַך הין און הער! — — —
שניי, דו אידעלער און ווייסער,
פֿאַל נאָך מער און מער.



שנייעלאך

שנייעלאך, שנייעלאך,
גאָר שטילינקע, צאַרטע,
ווי פריילאך זיי פליען,
מיט האָפנונג גענאַרטע — —

זיי פאַלן פון הימל,
און ווינט זיך פאַרשפּילן,
און אונז זיך צעוועקן
פיל שיינע געפילן...

ווי ווייסנקע בליטן
געדאַנקען זיי צינדן,
ביז וואַנען זיי אַלע
אין ווינטער פאַרשווינדן...

אזוי ווי די פרילינגס:
זיי קומען און גייען —
און שפּינען אונז נייע
כאַלוימעס, אידייען.....

אַ זון און שנייעלאך

שנייעלאך, שנייעלאך,
אינגעלאך, מיידעלאך,
און ווייסנקע קליידעלאך,
פּעטנקע, דיניקע,
ליכטיקע, זוניקע.

פליען די שנייעלאך,
אינגעלאך, מיידעלאך,
און ווייסנקע קליידעלאך,
ווי שייניקע טעקעלאך
מיט רונדיקע בעקעלאך.

פרייען זיך שנייעלאך,
אינגעלאך, מיידעלאך,
און ווייסנקע [illegible]אך,
שפּילן אַ לי[illegible]
אַף ווינטע[illegible]לע.

טאַנצן די שנייעלאך,
אינגעלאך, מיידעלאך,
און ווייסנקע קליידעלאך,
אינאיינעם געשלאָסענע,
מיט זונליכט באַגאָסענע,
ווילדע, פאַרשייטנקע,
נאָענטע און ווייטנקע......

די שניי־יאַטלאך

ווינטערס קינדער — איין און איינע,
יאַטלאַך ליכטיקע און שיינע,
אַנגעטאָן אין קליידלאַך ווייסע —
הויבט זיך אָן אַזוי די מייסע:

ס'איז שוין ווינטער-צייט געווען,
נאָר ס'איז גאָרנישט ניט געשען:
אין דער שיינער שטאָט אַראָלן
איז קיין שניי נישט אויסגעפאַלן.

האָבן אַלע — גרויס און קליין,
זיך צעלאָזט אין אַ געוויין:
ניט קיין זומער, ניט קיין ווינטער,
און אָט טאָקע באַלד פאַרשווינדט ער.

איז געווען בא קינד און קייט
שוין צעשטערט די ווינטער־פרייד:
ס'האָבן שליטעלאַך באַדויערט,
מיט די קינדער שטיל געטרויערט.

שטיל געטרויערט, שטיל געהאָפט,
אַז באַנאַכט, ווען יעדער שלאָפט,
וועט דער ווינטער נאָך אָנקומען
און ס'וועט שנייען און ס'וועט ברומען.

האָט געטראָפֿן אַזאַ נאַכט,
ווי מ'האָט געהאָפֿט, געטראַכט:
מיט אַ ברומען און מיט צאָרן
איז דער ווינטער אָנגעפֿאָרן.

האָט זיך ערד געטאָן אַ דריי
און געגעבן אַ געשריי:
איז דער ווינטער שוין געקומען? —
זאָל ער שטורעמען און ברומען!

זאָל ער וויזן, וואָס ער קען,
און איך וויל עס באַלד אויך זען:
שוין גענוג מיט אונז צו שפּאַסן,
שניי זאָל פֿאַלן אין די גאַסן!

און ווי פֿון דער העלער הויט
זײַנען אַף אַ שליטן־בויד,
מיט אַ סקריפּען, מיט אַ קרעכצן,
אָנגעפֿאָרן יאַטלאָך זעכצן.

און דער ווינטער האָט בלייך־שנעל
זיי געגעבן אַ באַפֿעל:
שנעלער יאַטלאָך, שנעלער קינדער,
נעמט זיך אַרבעטן געשווינדער!

האָבן יאַטלאָך, איינס און צוויי,
שנעל געכאַפּט די זעק מיט שניי,
ווער פון עק און ווער פון מיטן,
וואָס געווען איז אַפן שליטן,

און די יאַטלאָך, פלינקערהייט,
זיינען מיט אַ ווילדער פרייד
פון דער בויד אַראָפּגעשפרונגען,
זיך צעפלויגן און צעזונגען.

פליען יאַטלאָך האַק און פּאַק,
אַף דער פלייצע שניי אַ זאַק.
ס'איז די אַרבעט זיי געראָטן
און די זעק מיט שניי צעשאָטן.

מיט געפילדער, מיט געשריי,
מיט געפּייף און מיט געקריי,
איבער גאַסן זיך צעלאָזן,
האָבן אַלץ מיט שניי פאַרבלאָזן.

האָט געדויערט ניט קיין סאַך —
שניי אַף דר'ערד און שניי אַף דאַך.
איז איצט ליכטיק שטאַרק געוואָרן —
אַ פרימאָרגן ניי געבאָרן...

זיך צעטיילט אַף גלייכע פּאָרן
און פאַרשוואונדן שנעל געוואָרן.

איז די אַרבעט אָפּגעטאָן :
ס'פאַלט איצט שניי אַזויפיל אָן ! — — —
נאָר מ'איז הונגעריק, ווי בערן,
דאַרף מען עפּעס איצט אויסקלערן.

טראַכטן יאַטלאַך גאָרנישט פיל,
אַליין איז דאָך באַ זיי אַ שפּיל :
שלאָפן מענטשן נאָך אַצינדער —
וועט מען טאָן אין שטאַט אַ פּלינדער.

איינס און צוויי און דריי און פיר,
וואו ס'ליגט עסן באַ דער טיר,
און דעם מאָגן זיך אָנפּילן —
וועט דער הונגער זיך איינשטילן.

און ס'זאָל נישט ווערן שפּעט,
האָט מען נישט קיין סאַך גערעדט,
זיך צעטיילט אַף גלייכע פּאָרן
און פאַרשוואונדן שנעל געוואָרן.

נאָר אַ יאַטל, אַפן וועג,
פּלוצלונג האָט געטאָן אַ פרעג :
וואָס וועט זיין מען וועט אונז כאַפּן
און מיט שטעקנס גוט אָנקלאַפּן ? — —

האָבן אַלע זיך פאַרקלערט
און געזען, אַז ס׳טויג אין דר׳ערד,
ס׳וועט דערפון שוין גאָרנישט ווערן
און מ׳איז גרייט זיך אומצוקערן.

נאָר דער הונגער מוטשעט פאָרט.
האָט אַ יאַטל אַפן אָרט
פאָרגעשלאָגן גיין אינאיינעם,
וועט ניט זיין קיין שרעק באַ קיינעם...

האָבן אַלע, מיטאַמאָל,
אויסגעשריען אַפן קאָל: _
— לאָמיר אַלע גיין אינאיינעם
וועט קיין שרעק ניט זיין באַ קיינעם!

איז געבליבן אָט אַזוי.
הודך פרימאָרגן ווייס און גרוי
אַפן וועג זיך שטיל פאַרנומען
און צום ערשטן הויז געקומען.

יאַטל איינס און יאַטל צוויי,
שנעל געכאַפט האָט אײ נאָך אײ,
און אַה גיך זיי אויסגעטרונקען,
מיט די אייגעלאך געוואונקען.

יאַטל פינף און יאַטל זעקס,
צוגענומען דאָס געבעקס
און באַשמירט עס מיט דער פּוטער,
אויפגעגעסן אַל'ז, ווי גוטע.

יאַטל זיבן, יאַטל אַכט,
האָבן זיך אַזוי צעלאַכט,
אַז ס'איז יעדער אויפגעשטאַנען,
און געהערט שוין טריט פון וואַנען.

ליגן זיי דאָ אין איין שרעק
און זיי קענען ניט אַוועק,
און מען וועט זיי איצט נאָך כאַפּן
און מיט שטעקנס גוט אָנקלאַפּן....

און דער שניי אין דרויסן פאַלט,
ביז די פענצטער הויך שוין באַלד, —
וועלן קינדער עס דערפילן
און אַרויסלויפן זיך שפּילן.

יאַטל ניין און יאַטל צען,
ווי זיי האָבן דאָס דערזען,
האָבן שנעל זיך אָפּגעטראָגן
ביז מען וועט זיי אָנבאַגראָבן.

יאַטל עלף און יאַטל צוועלף,
ווי אַ פּאָר זייער פלינקע וועלף,
נאָר מיט שרעק אין זייערע אויגן
זיינען גיך אַוועקגעפלויגן.

און געבליבן באַ דער טיר
זיינען יאַטלאַך זאַלבע פיר:
דרייצן, פערצן, פופצן, זעכצן —
ליגן זיי באַם טיר און קרעכצן.

און געבליבן
באַ דער טיר
זיינען יאַטלאַך זאַלבע פיר

איז קיין וועג שוין ניט פֿאַראַן,
פֿאַלן זיי איצט אַף אַ פּלאַן:
אַז זיי זאָלן טיר אויפֿמאַכן
און זיך שטאַרק און הויך צעלאַכן.

האָבן-זיי אַזוי געטאָן
און געלאַכט וויפֿיל מען קאָן,
איז מען שנעל אַרויסגעלאָפֿן
און געפֿרעגט, וואָס האָט געטראָפֿן? —

האָבן יאַטלאַך מיט געשריי
אָנגעוויזן אַפֿן שניי,
אָנגעהויבן איינצוטײַנען
און דערציילט זיי ווער זיי זײַנען...

נאָר די מענטשן — גרויס און קליין,
שווער געווען דאָס צו פֿאַרשטיין,
און נישט מער געקאָנט איצט גלייבן,
אַז דאָס זאָל זיך גאָר אָנהייבן!

נאָר דער בלענדנדיקער שניי,
וואָס האָט העל געשײַנט אַף זיי
און געקושט איעדנס איינעם —
איז דער צווייפֿל אויך צעפֿלויגן.

און מען האָט זיי אַלע פֿיר
אײַנגעלאַדן אַף טראַקטיר,
און געגעבן זיי צו עסן,
און מען האָט אַן אַלץ פֿאַרגעסן.

און די פרייד געווען איז גרויס,
יעדער איז פון הויז אַרויס,
און געוואַשן זיך — אַלס צייכן —
מיט דעם שניי דעם צאַרטן, ווייכן.

און די קינדער, ווי א ווינט,
מיט די שליטעלאך געשווינדט,
אַפן שניי געגעבן פליען
און מיט ווינטערפרייד צעבליען...

זיינען יאַטלאָך־שנעל אַוועק
און נים מער געהאַט קיין שרעק,
און די גרויסע שטאָלצע יאַטן
אַליין דערציילט פאַר זייער טאַטן.

האָט דער ווינטער ראַפטום שנעל
איצט געגעבן אַ באַפעל:
יאַטלאַך, גיך צו דער מעלאַכע,
מאַכט די גרעסטע זאַווערוכע! — —

האָבן יאַטלאַך דאָס דערהערט,
האָבן זיי קיין סאַך געקלערט:
אויסגעליידיקט גיך דעם שליטן —
און ס'האָט שניי געגומען שיטן.

און אַצינד — יאָר אויס יאָר איין,
מעג די זון זיי גרויס דאַרט זיין:
אין דער שיינער שטאָט אַראָלן
ווען אין ווינטער שניי שוין פאַלן...

שײַן־מױשעלע
און אַנדערע לידער

שיין-מוישעלע
און זיין פאפא

ווען איך שטוב נאך יעדער שלאפט
און באם פענצטער נאכט נאך שטייט,
לאמפן ברענען נאך אין גאס
און אין שטוב זיך שאטנס שפרייט.

ווען ס'איז שלאפן אזוי גוט,
קיינעם גלוסט זיך אויפצושטיין —
דעמאלט שטייט שוין אויף מיין פא,
צו דער ארבעט מוז ער גיין.

און ווען טאג ווערט, ליכטיק איז,
איך מיט פאפא שפילן קען,
איז מיין פאפא אזוי ווייט
און איך קען אים מער ניט זען.

נאר ווען נאכט איז ווידער דא
און איך דארף שוין שלאפן גיין,
דעמאלט ערשט מיין גוטער פא
פון דער ארבעט קומט אהיים.

און מיין פאפא איז שטארק מיד,
וויל ער ארבעט אזוי שווער, —
עסט ער אפ און שלאפן גייט
און איך זע אים שוין ניט מער...

עסט ער
אָפּ
און
שלאָפן
גייט
און איך זע אים
שוין ניט מער...

שײן-מױשעלע
צום פּאַפּאַ

— פּאַפּאַ, גײ ניט הײנט אין שאַפּ,
ס'איז אין דרױסן אַזױ שײן,
אַזױ ליכטיק, אַזױ קלאָר,
איז דאָך גוט שפּאַצירן גײן! —

און דו זאָגסט דאָך אַלע מאָל:
— װען דו גײסט אַװעק פון הױז —
אַז איך קום אַהײם פון שול
זאָל איך זײן אין דרױסן בלױז.

און דער שאַפּ איז אױך אַ שטוב,
איז פאַרמאַכט מיט גרױסע װענט,
און דו שמירסט זיך דאָרטן אױס
שװאַרץ דאָס פּאָנים און די הענט.

איך געדײנק נאָך װען די מאַ
דאָרט מיט מיר אַמאָל געװען,
איך קוקט אַף י ע ד ן מאַן
און דיך ניט געקאָנט דערזען.

גײ זשע, פּאַ, ניט הײנט אין שאַפּ,
ס'איז אין דרױסן אַזױ שײן,
און איך װיל, אַז דו און מאַ
מיט מיר אין פּאַרק שפּאַצירן גײן! —

הערט מיך אויס מײַן גוטער פּאַ, –
וואָס איך רעד און וואָס איך קלער,
און ער זאָגט מיר: „ביזט אַ קינד,
היינט איז זונטיק שוין ניט מער!“.

און ער נעמט מיך באַלד אַרום,
קושט מיך מײַנע בעקלאך אויס,
און ער זאָגט מיר: „וועסט פֿאַרשטיין,
ווען דו וועסט, ווי איך, זײַן גרויס!“.

בלײַב איך שוין מיט מאַ אַלײן,
ליג אין בעטעלע און קלער,
וואָס מײַן פּאַפּאַ האָט געמיינט:
„היינט איז זונטיק שוין ניט מער!“...

שיין-מוישעלע
איז קראַנק

ליג איך אין מיין בעטעלע,
ווייס ניט וואָס ועט זיין,
ס'איז אין שטוב דאָ אַזוי שטיל —
קיינער קומט אַריין.

ניט אַפילו יאַסעלע,
אַלע דאָרט אין גאַס:
שפּילן זיך, מ'לויפט אַרום,
און מ'האָט פיל שפּאַס.

און אין דרויסן שיינט די זון,
ס'איז איצט אַזוי שיין! —
אָ, איך וואָלט שוין וועלן אויך
אין גאַס אַרונטערגיין.

און מיט אַלע קינדערלאַך
שפּילן זיך אַצינד,
לויפן און אַרומפליען,
ווי עס פליט אַ ווינט...

בין איך אָבער איצטער קראַנק,
טאָר אין גאַס ניט גיין:
כ'האָב געהערט דער דאָקטאָר האָט
געזאָגט דער מאַ אַליין! —


שיין-מיישעלעך טראכט

וואָלט איך צו דעם פענצטער-באַנק
וועלן צוגיין איצט,
זאָגט די מאַמע, ס'איז ניט גוט,
ווייל איך בין פאַרשוויצט.

און איך מוז אין בעטעלע
ליגן אַזוי לאַנג,
ביז איך וועל ווערן גאַנץ געזונט
און ניט זיין מער קראַנק.

ליג איך אין מיין בעטעלע,
קאָן ניט ערגעץ גיין,
און איך בין שוין אַזוי מיד
שפּילן זיך אַליין.

נאָר פאַרוואָס קומט יאָסעלע
ניט צו מיר אַריין? —
עפּשער וויל ער גאָרניט מער
מיט מיר [illegible] זיין?! —

איך פון אַלץ [illegible] אים,
וואָס איך נאָר געהאַט, —
שטענדיק טייל איך מיך מיט אים
מיט מיין שאָקאָלאַד.

אויך געלאָזט אים אַף מײַן „סקעיט“
פאָרן אַזוי לאַנג,
און אַ פּעני אים געשײנקט —
גאָרניט טוט מיר באַנג!

וואָס־זשע קומט ער ניט אַרײַן
שפּילן זיך מיט מיר? —
איך וועל שטענדיק, יאַסעלע,
באַווער זײַן מיט דיר!



שיין-מוישעלע און
דער ערשטער מאַי

— פּאַפּאַ, ווען דער ערשטער מאַי?
מאַ געזאָגט אַ יאָנטעוו זיין,
און ווי זונטיק אַלע וואָך
דו ניט גיין אין שאַפּ אַריין.

און מיר וועלן אויפשטיין פרי,
און זיך אַלע אָנטאָן שיין —
דו און איך און אויך די מאַ
וועלן אַלע ערגעץ גיין.

מאַ געזאָגט, דו נעמען אונז
אין אַ גרויסן שיינעם אָרט,
מענטשן דאָרטן זיין אַ סאַך
און מוזיק אויך שפּילן דאָרט.

און עס וועט אַ גרויסער מאַן
אונז דערציילן פון דעם לאַנד
וואו מיר שוין אַמאָל געווען
און וואָס דאָרטן איז געשען.

מאַ געזאָגט: אין יענעם לאַנד,
ווען עס קומט דער ערשטער מאַי,
גייען קינדער ניט אין שול,
— אַלע מענטשן זיינען פריי!

מאַי!
מאַי!
מאַי!

און עס ווערט אַף יעדן הויז
אויפגעהייגגט אַ רויטע פאָן,
ווייל עס איז אַ יאָנטעוו־טאָג —
אַלע מוזן אַזוי טאָן.

און מען מאַכט אַ גרויס פּאַראַד,
אַלע „סאָלדזשערס" „מאַרטשן" אויך, —
און די מענטשן האָבן פרייד,
וואַרפן בלומען פון דער הויך.

און די קינדערלאַך פאַראויס,
ווי די „סאָלדזשערס" טריט און טריט,
אָנגעטאָן אין ווייס און רויט,
„מאַרטשן" מיט די „סאָלדזשערס" מיט.

און זיי זינגען אַזוי שיין,
און מוזיק שפּילט ליד נאָך ליד,
אַזוי איז אַ גאַנצן טאָג —
קינער, פּאַפּאַ, ווערט ניט מיד.

און ווען שוין נאָך דעם פּאַראַד,
גייט מען אין אַ גרויסן פּאַרק,
און מען טיילט דאָרט יעדן קינד
פרוכט און ניס און שאָקאָלאַד.

און מען שפּילט אַ שײנעם שפּיל,
— קײן זאַך דאָרטן ניט פֿאַרװערט! —
און מען שפּילט זיך אַזױ לאַנג
ביז אין הױכן פֿינצטער װערט.

און באַנאַכט, מאַ האָט געזאָגט,
לאָזט מען אין די „מואַזיס" פֿרײ — — —
— — — — — — — — — — — — — —

אַ, פּאַפּאַ, װי איך געװאָלט
דאָרטן זײַן דעם ערשטן מאַי!

שײַן־מױשעלע
באַם פענצטער

זון גײט אױף אין אונזער פענצטער,
שטראַלן ס'גאַנצע בעט באַדעקן, —
און זײ גלעטן מיך און קושן
ביז זײ מיך פון שלאָף אױפװעקן.

כאַפּ איך אױף מיך, װי אַ קעצל,
נעם פון שלאָף די אױגן רײַבן,
פאַלן שטראַלן אין די אױגן
און זײ דאַרטן שױן פאַרבלײַבן.

שפּרינג איך באַלד אַראָפּ פון בעטל
און איך זעז מיך לעבן פענצטער
זע איך שטראַלן, שטראַלן, שטראַלן — —
אַ פרימאָרגן נאָר דער שענסטער!

אױף דער ערד און אױף די הײַזער,
אין די פענצטער, אין די שטיבער,
שטראַלן האַרפּן זיך אין הױפנס
און זײ פאַלן זיך אַריבער.

האָב איך ליב די זונשטראַלן,
ווייל זיי שיינע טעג אונז ברענגען,
און פאַר אונז, און אַלע גאַסן,
גאָלד און זילבער די צעדרינגען...

אידבין ניט ברויגעז

אַן אָנצוגל אַ נײס
פּאָפּאַ מיר פאַרשפּראָכן
און דאָס יאָנטעוודיקע
טראָגן אינדערוואָכן.

ס'איז דאָס וואָכעדיקע
אַזוי שטאַרק צעריסן
אויסגעקלעפּט מיט לאַטעס
ס'רעקל און די הויזן.

און אויך נייע שיכלאַך
וועט מיר פּאַפּאַ קויפן:

ס'איז אין מיינע שיכלאך
שווער אַרומצולויפן.

אויסגעדרייט די קנאַפּל,
אָפּן ביידע שפּיצן,
און ווען ס'גייט אַ רעגן
מוז אין הויז איך זיצן.

נאָר מיין גוטער פּאַפּאַ
— ווייסן אַלע קינדער —
גייט אַרום אָן אַרבעט,
האָט קיין געלט אַצינדער.

מוז איך איצטער וואַרטן,
נאָך דאָס אַלטע טראָגן,
ביז עס וועט מיין פּאַפּאַ
געלט פון אַרבעט האָבן.

בין איך גאָר ניט ברויגעז,
כ'ווייס איך וועל אַלץ קריגן!
ס'נאַרט ניט אָפּ מיין פּאַפּאַ,
זאָגט קיינמאָל קיין ליגן.

שיין-מוישעלע
אין סאַבוויי

אין דער טיפעניש פון דר׳ערד
לויפט אַ באַן אַזוי געשווינדט,
רופט מען „סאַבוויי״ אָט די באַן,
וואָס פליט שנעלער פונם ווינט.

און ס׳איז דאָרטן שטענדיק נאַכט,
ס׳ברענען לעמפלאך אַזויפיל, — —
באַנען לויפן הין און הער,
און עס הוישט, ווי אין אַ מיל.

בין איך היינט צום ערשטן מאָל
מיט מיין מאַ געפאָרן דאָרט,
האָב איך זעצן מיך געוואָלט —
האָב איך ניט געהאַט קיין אָרט.

פאָרן מענטשן דאָרט אַ סך,
זיצן, שטייען פאַר די ווענט,
האַלטן אָן זיך אין דער הויך
מיט די אויסגעשטרעקטע הענט.

און זיי האָבן מיך געשטופּט,
דער אַהין און דער אַהער,
און אַרומגערינגלט מיך —
ניט געקאָנט זיך טאָן אַ קער!

און די סאַבוויי לויפט און לויפט,
יאָגט זיך, ווי אַ ווילדער ווינט,
און זי ביזערט זיך און שרייט,
ווי אַ פערד מיט ווילדע הינט.

נאָר די מענטשן ווינען שטיל,
קיינער רעדט אַ וואָרט ניט אויס:
שטעלט די סאַבוויי זיך נאָר אָפּ —
לויפט מען גלייך פון איר אַרויס...

ווייל איך מער ניט פאָרן דאָרט,
און איך מיין דאָס ניט אַף שפּאַס! — —
איך וועל פאָרן אַף מיין „בייק"
אַף דער ליכטיק ברייטער גאַס...

שיין-מוישעלע
און דער פּרעצל-איד

שטיי איך און איך קוק און קוק
אַף די פרישע פּרעצל,
וואַרף אַף זיי מיט איינעלאַך,
ווי אַ הונג׳ריק קעצל.

און אַזוי קלויב איך מיר אויס
דעם גרעסטן און דעם שענסטן, —
קויפן, אָבער, ווייס איך גוט,
קאָן איך ניט דעם קלענסטן.

ווייל איך האָב מיין פּעני היינט
לויפנדיק פאַרלוירן,
— איך וועל שוין ניט לויפן מער!
איך האָב מיך געשוואוירן!...

נאָר איצט בין איך הונגעריק,
קאָן מיר גאָרניט קויפן, —
און מיין פּעני זוכן וואו
קאָן איך איצט ניט לויפן.

עס וועט קלינגען באַלד דער גלאָק,
גייט מען אין די קלאַסן,

און עס מאַר קרן איינציק קינד
בלייבן אױף די גאַסן!

װעל איך בעטן װידערניז
מיר א פּרעצל באַרגן,
און די פּעני, װאָס איך קריג,
װעל איס געבן מאָרגן...

ווען דער טאָג איז בלייך און טריב,
פון דער זון קיין שיין,
האָבן ליב די פייגעלאך
דאָן אינאיינעם זיין.

זאַמלען זיך די פייגעלאך,
פליען אָן מיט שרעק,
און אַף קליינע ביימעלאך
זעצן זיך אַוועק.

זיצן אַף א ביימעלע
פייגעלאך געדריבט,

זינגען אַלע פֿייגעלאַך:
„ליבע זון, גיב ליכט!“ — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

גייט פֿון שול שיין־מוישעלע,
גייט און זינגט צו זיך,
זעט אַזוי פֿיל פֿייגעלאַך —
לויפֿט ער צו אַף גיך

צו דעם גרינעם ביימעלע,
שטעלט זיך דאָרטן אַפּ, —
פֿליען אַלע פֿייגעלאַך
פֿון ביימעלע אַראָפּ.

שמייכלט זיס שיין־מוישעלע,
טוט אים אַזוי באַנג,
און מיט וועדנע אייגעלאַך
קוקט ער נאָך זיי לאַנג — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

שיין-מוישעלע
און זיין דראַך

היינט איז ניט קיין הייסער טאָג,
ס'איז אַ ווינט אין דרויסן,
וועל איך מאַכן מיר אַ דראַך —
טאַקע גאָר אַ גרויסן.

כ'וועל אַרויפגיין אַפן דאַך
און אים לאָזן פליען,
אַפן דאַך דאָרט, אין דער הויך,
וועט דער ווינט שטאַרק ציען.

פליען וועט מיין שיינער דראַך
איבער אַלע דעכער,
און פון אַלע פייגעלאך
פליען וועט ער העכער.

וועט מיין דראַך זיך בייזערן,
אָנהייבן צו ברומען,
וועלן אַלע פייגעלאך
זיך צונויפקומען...

שיין-מוישעלע
צום שיפל

שיפל, שיפל אַפן וואַסער,
שיפל, זאָג וואו פאָרסטו? —
פאָרסטו אין אַ לאַנד אַ שיינעם,
נעם מיך מיט אַהינצו.

אויף די וואַסערן די ברייטע
איז זיך שיין צו שיפן,
און זיך טראָגן אויף די כוואַליעס
פון דעם יאַם דעם טיפן.

און דורכפאָרן אַלע לענדער,
וואָס אין בוך איך לערן,
מענטשן ריידן דאָרטן אַנדערש —
דאָס איז שיין צו הערן!

און אויף באַנען, איבער פעלדער,
אַלע שטעט דורכרייזן, —
איך וויל זען די גרויסע וואונדער,
וואָס זיי דאָרטן ווייזן.

נעם־זשע מיט מיך, שיפל טייערס,
אין דעם לאַנד דעם שיינעם,
כ'שווער איך וועל פון דיינע סודעס
ניט דערציילן קיינעם!...

שיין-מוישעלע
און זיין פידעלע

ליגט זיך מיין פידעלע
אף דעם קלאוויר,
דאכט מיר, אז פידעלע
קוקט נאר אף מיר.

נעם איך מיין פידעלע,
בויגן באנאנד,
ליג עס פאוואלינקע
שיין אין מיין האנט.

קעפעלע קליינטשינקע,
העלזעלע לאנג,
קיילאכדיק בייכעלע —
פול מיט געזאנג.

ווייס מיינע פינגערלאך,
שטרונעלאך דין, —
פליען די פינגערלאך
הער און אהין.

שפילט אויס מיין פידעלע
פרייד און געוויין, —
פידעלע צארטינקע,
פידעלע שיין.

האב איך מיין פידעלע
ליב אן א שיר! — — —
פידעלע, פידעלע,
כ׳פריי מיך מיט דיר...

נעם איך מײַן פֿידעלע,
בויגן באַנאַנד,
לייג עס פּאַוואָלינקע
שיין אין מײַן האַנט.



קעפּעלע קליינטשינקע
העלזעלע לאַנג,
קיילאכדיק בייכעלע
פול מיט געזאַנג.

שיין-מוישעלע באַם יאַם

זאַמד און מענטשן, זון און וואַסער,
זייַנען דאָ אַזויפיל,
און פון יאַם, פון אַלע זייטן,
בלאָזן ווינטעלאַך זייער קיל.

ס'איז די זון דאָ ברייט צעגאָסן
וואו מען גייט און וואו מען שטייט,
ווי דער יאַם איז אויסגעגאָסן
אין דער לייַנג און אין דער ברייט.

אונטער פיס ברענט זאַמד דער הייסער,
און די זון איבערן קאָפּ, —
שפרינג איך גיך אַריין אין וואַסער
און איך קיל מיך דאָרטן אָפּ.

און איך שפיל מיך אין דעם וואַסער
ווי איך וואָלט שוין זייַן גאָר גרויס,
ביז עס קומט אַ בייזע כוואַליע
און זי וואַרפט מיך באַלד אַרויס.

לייג איך מיך אַף זאַמד דעם הייסן,
צי מיך אויס, ווי קליין איך בין,
און איך קוק אין זון דער רויטער
און אַף יאַם, וואָס שפיגלט גרין...

שיין-מווישעלעס געבעט

ליבער גוטער הימל,
גיב אונז שניי אַ סאַך,
ביז אַ באַרג וועט ווערן,
הויך, ווי אונזער דאַך.

פון אַ באַרג זיך שליטלען
איז דאָך אַזוי שיין, —
ווינטער פאַרגעניגן,
איינציקער אַליין.

פליען וועלן שליטלאַך,
יאָגן האַסטיק גיך,
אין דעם שניי דעם ווייסן
איבערקערן זיך.

ווילדפרייד אויסגעשרייען,
שטימען אַלערליי,
האַרציקער געלעכטער
פאַלן הערט אַף שניי...

לאָז זשע, גוטער הימל,
פאַלן שניי אַ סאַך,
ביז אַ באַרג וועט ווערן
הויך, ווי אונזער דאַך.

שיין-מוישעלע
און די שנייעלאך

שנייעלאך, שנייעלאך,
פון הימל פון ווייסן,
ווי שטערנדלאך קלאָרע
פון הימל זיך רייסן.

זיי פאַלן אין הויפנס,
אַף האַרבסט־ערד אַף ריינער, —
א צייכן פון ווינטער,
אַ צייכן אַ שיינער.

פון ווייסע פרימאַרגנס,
פון אָזונטן העלע;
פון פערדלאך מיט גלעקלאך,
אי ווייסע, אי געלע.

פון גליטשן פון לאַנגע,
וואָס גלאַנצן, ווי שפּיגלען,
פאַר קינדערלאך קליינע
צו פליען אַן פליגלען...

פֿאַר קינדער דער ווינטער
מיט שניי זיך צו שפּילן,



זיך גליטשן און שליטלען,
וויפֿיל נאָר מיר ווילן.

פליען די שנייעלאך,
פאַלט איינס אַפן צווייטן, —
איז צייט שוין צו גיין איצט
מיין שליטל אַנגרייטן.



שײן־מױשעלע
און זײַן צעבראָכן שליטל

ס'האָט מײַן שליטל זיך צעבראָכן,
װײס ניט װאָס צו טאָן,
קאָן איך איצט זיך מער ניט שליטלען
און ניט האָבן „פֿאָן"...

נאָר דער װײסער שנײ דער טיפֿער
רײצט מיך אַזױ שטאַרק, —
נעם, כאַטש לײג זיך אױף דער פּלײצע,
גליטש זיך אַראָפּ־באַרג.

איך װאָלט שױן אַזױ געטאָן איצט,
שעם איך מיך פֿאַר זײ:
אַלע װעלן פֿון מיר לאַכן,
װאַרפֿן אױף מיר שנײ.

פֿילט איצט קײנער נישט מײַן װײטיק,
און אױך ניט מײַן פֿרײד —
נאָר דער שנײ, דער ליבטיק שײנער,
ער נאָר מיך פֿאַרשטײט...

שיין־מוישעלע טראַכט

אַ וואָלקנדל אַפֿן הימל —
ווי אַ ציגעלע זעט אויס.
אַ ציגעלע אַ ווייסע,
ווי אַ ציגעלע פֿון אַ מייסע.
נאָר וואָלקנדל פֿאַרשווינדט באַלד —
איז שוין די מייסע אויס.

די זון זיצט אַפֿן הימל,
מאַכט ליכטיק אַף דער ערד.
וואָלט זי אַראָפּגעקומען —
וואָלט ווער זי צוגענומען
און פֿינצטער וואָלט געוואָרן
אַף דער גאַנצער ערד...

אַ פֿייגעלע פֿליט צום הימל —
פֿליט עס מיט אַ פֿרייד,
קאָן עס ניט דערפֿליען —
עס קומט צוריק אַף דר׳ערד.
אַן אָדלער פֿליט נאָך העכער,
אַן עראָפּלאַן — דער העכסטער.
גאָר די הימל־הויכן
קיינער קאָן דערגרייכן...

ווער עס פֿליט צום הימל —
קומט צוריק אַף דר׳ערד...

איך בין נאָך גאָר אַ קליינער,
יאָרן נאָך ניט אַכט,
שיין־מוישעלע איז מיין נאָמען,
שטענדיק נאָר איך טראַכט.

מען זאָגט איך בין אַ קלוגער,
איך ווייס ניט: יאָ צי ניין? —
נאָר אַליין איך וויל שטאַרק וויסן,
אַליין איך וויל פאַרשטיין...

נאָר איצט בין איך אַ קליינער,
איך ווייס נאָך גאָרניט פיל.
ווען איך וועל עלטער ווערן,
וועל איך פאַר מיר אויסקלערן
אַ פליענדיקן שפיל
מיט פליגל שטאַרקע, גרויסע,
וואָס וועלן מיך אויפהויבן
ביז דער זון דאָרט־אויבן.

פליען צו דעם הימל
איז דאָך אַזוי שיין! — — —

אַלין געטאָן,
וואָס מאַ געהייסן

ס'איז מיין פּאַפּאַ אַזוי טרויריק,
און מיין מאַמע וויינט און וויינט,
און מיין שוועסטערל טוט ווי מאַמע —
נאָר איך ווייס ניט, וואָס דאָס מיינט.

קאָן איך מיך שוין מער ניט שפּילן
און איך זעץ מיך שטיל אַוועק,
נאָר דאָס וויינען פון מיין מאַמע
וואַרפט אַף מיר אַן אַזאַ שרעק! —

און איך האָב איצט אַזוי מורע:
עפּעס איז שוין דאָ געשען!
אָבער איך בין גאָר ניט שולדיק —
איך בין היינט דאָך גוט געווען.

אַלין געטאָן וואָס מאַ געהייסן:
אויפגעעסט אַ גאַנצן „ראָל",
און די מילך אַליין געטרונקען —
ניט געשפּאַרט זיך, ווי אַלעמאָל.

איך צווי פּענים ניט געבעטן,
היינט גענומען נאָר איין סענט!
און ווען עסן איך געגאַנגען,
אָפּגעוואַשט מיינע הענט.

און ווען מע געדאַרפט אַוועקגיין,
מיך געלאָזן גאַנץ אַליין —
ניט געטריבן און ניט געבעטן,
אַז איך וויל שוין אַרבעט גיין.

בין איך היים אַליין געבליבן,
זיך געשפּילט מיט וואָס איך קאָן,
און געוואַרט ביז מע וועט קומען —
ווי אַ גוטע קינד דאַרף טאָן.

וואָס זשע וויינט איר מיין מאַמע
און דער פּאַפּאַ רעדט קיין וואָרט, —
אויך מיין שוועסטערל איז ברוגז,
שטייט אַליין אין ווינקל דאָרט.

און אין שטוב איז שטיל און טרויעריק,
עפּעס ווי געשטאָרבן ווער, —
אוי, איך וויל שוין אויבעט ווייגען!
עפּעס אַפּן האַרץ מיר שווער...

האָב איך מוירע דאָ צו זיצן,
ווייס ניט וואָס צו טאָן מיט מיר:
שטיי איך אויף און גיי צו מאַמען
און איך ווייז מיך לעבן איר.

נעם בא מאַ די האַנט פּאַוואָליע
און איך קוש זי אַזוי פיל,
און איך בעט: — מאַ, הער אויף ווייגען! —
איך האָב מוירע! — ווי שוין שטיל...



נעמט מײן גוטע מאַ און קושט מיך,
און זי זאָגט מיר, אוי, מײַן קינד,
ס'איז די באבע, אונזער באבע —
שוין ניטאָ, ניטא אַצינד.

חיים איך איצט, וואָס האָט געטראָפן,
וואָס עס האָט מײן מאַ געמײנט, —
האָב איך אָנגעכוינן מ'קעפל
און איך האָב מיך שטאַרק צעווײנט....

פּײסאַך! פּײסאַך!

פּײסאַך! פּײסאַך! יאָנטעװ גוטער!
אױ װי גוט איז קומסט שױן אָן,
שיך און קלײדל שױן צעריסן,
— גאָרנישט ניט װאָס אָנצוטאָן.

און מײן טאַטע און מײן מאַמע
זאָגן שטענדיק דאָך מיר צו:
„פּײסאַך װעט מען אַלץ דיר מאַכן,
און אַ מאָדיקער שאָ“.

און מײן טאַטע און מײן מאַמע,
נאַרן קײנמאָל מיך ניט אָפּ:
װי מען הערט נאָר דו דאַרפסט קומען
הדײט מען זיך מיט מיר אַ קאָפּ,

װאָס מע זאָל מיר מאַכן, קױפֿן,
און מ׳לױפט פון קראָם צו קראָם,
און איך דאַש מיך װי אַ גרױסע! —
מ׳פירט מיך איבעראַל אַרום.

האָב איך ליבער דיך פון אַלע
יאָנטעווים פון דעם גאַנצן יאָר:
ווייל דו ברענגסט מיר שיינע זאַכן
אַה אַן עמעס — אָפּן וואָר.

וואָלט איך דיך נאָך וועלן בעטן
קומען שנעלער, אין דער גיך,
ווייל איך וואָלט שוין טאָקע וועלן
אָנטאָן מיינע נייע שיך

און דאָס קליידל, וואָס מיין מאַמע
האָט אַליין מיר אויסגענייט:
— אוי, ווי שיין דאָס קליידל פּאַסט מיר!
ס'האָט מיין מאַמע אַזאַ פרייד...

און דער טאַטע — מיינע בעקלאַך
גלעט ער און ער קושט מיין קאָפּ,
און די מאַמע, פון גרויס נאַכעס,
לאָזט אַ זיסע טרער אַראָפּ.

איך טו בעטן: פּייסאַך גוטער,
קום ניט בלויז איינמאָל אין יאָר,
גליק און פרייד און שיינע זאַכן
איז דאָך גוט אַ גאַנצן יאָר! — — —

דער
שטילער פעדלער

איינגעבויגן, שטיל און שא,
צי אין זון צי רעגן,
שלעפט דער פעדלער זיך ארום
מיט זיין גאנצן פארמעגן...



שטופט דעם „פושקארד" טראט בא טראט,
אַף די הארטע שטיינער,
פון דער פרי ביז שפעט באנאכט —
ביז אין גאס בלייבט קיינער.

הופט זיין סכוירע קיינמאל אוים,
קיינעם בעט ער קויפן, —
האנדלט שוין אזוי — פיל יאר,
אַף א שטילן אויפן...

קויפט א מענטש בא אים א זאך —
דאנקט ער אים באזונדער,
און גיט גלייך בא זיך א טראכט:
ברויט וועט זיין פאר קינדער...

טרייבט מען אים פון פלאץ אוועק —
קריגעריי פארמיידט ער;
גאסן זיינען דא א סאך —
שטופט דעם „פושקארד" ווייטער...

הינדעלאך

גרינע שיינע הינדעלאך
אין אונדזער הויף ארום,
איינס קלייבט אויף די קערנדלאך,
און אנדערס בראָדיעט אום.

כאַפּ איך מיר א הינדעלע
און גיי מיט דעם אין הויז,
קוש איך עס אין קעפּעלע
און לייג עס אין מיין שויס.

מאַכט עס צו די אייגעלאך
און ציטערט מיט די פיס,
טראַכט אזאַ הינדעלע:
די גוט איז אים און זיס.

איך ווייס שוין אַליין!

איך בין שוין אַ גרויסע,
יעדער זאָגט עס מיר,
איך גיי אין דער „סקול“ שוין
און איך שפּיל קלאַוויר.

איך גיי אויך אין שולע,
לערן אידיש דאָרט,
און איך לייען פון בוך שוין —
ווייס איעדעס וואָרט.

און אין „סקול“, אין שולע,
גיי איך גאַנץ אליין,
קיינער דאַרף מיך פירן —
איך בין מער ניט קליין.

גיין די גאַס אַריבער
איז מיר גאָרנישט שווער,
איך גיב פריער אַכטונג
צי עס פאָרט ניט ווער.

קומט אַ „קאַר“ צו פאָרן,
האָב איך ניט קיין שרעק,
איך בלייב שטיין און וואַרט אויס
ביז זי פאָרט אַוועק.

אַלע מײנע „לעסאָנס“
מאַך איך גאַנץ אַלײן,
איך פֿרעג ניט בײַ קײנעם —
איך קאָן אַלץ פֿאַרשטײן.

האָב איך ניט קײן אַרבעט,
שפּיל איך אין אַ שפּיל:
און װען געסט אָנקומען —
בין איך גוט און שטיל.

איך גײ אױך פֿרי שלאָפֿן,
אַכט אַזײגער שױן!
װײל איך דאַרף פֿרי אױפֿשטײן
אין דער „סקול“ צו גײן.

כ'טו אַלײן זיך אָן אַליץ,
כ'טו אַלײן זיך אױס —
אַלעס, אַלעס קאָן איך,
װײל איך בין שױן גרױס!

נאָר מײן גרױסע שװעסטער
קאָן איך ניט פֿאַרשטײן:
װיל מיט מיר ניט שפּילן,
זאָגט, איך בין נאָך קלײן.

אַ שווערער „לעסאָן“

כ׳האָב אַ שווערן „לעסאָן“ היינט,
קאָן עס ניט באַנעמען,
וועל איך צו מיין כאַווער גיין,
פרעגן אַלץ באַ סעמ׳ען.

בעט איך סעמ׳ען העלפן זאָל
מיר דעם „לעסאָן“ מאַכן,
הופט ער מיך : „פאַרשטאָפּטער קאָפּ!“,
און טוט פון מיר לאַכן.

בעט איך מאַ זאָל וויזן מיר,
וויל זי גאָרניט זאָגן :
בעטן פאַפאַ׳ן — שרעק איך מיך
ער זאָל מיך ניט שלאָגן! —

האָב איך איצט געטאָן אַ זאַך,
וועט דאָס קיינער וויסן :
כ׳האָב דעם „לעסאָן“ פונם בוך
אינגאַנצן אויסגעריסן!....

מיר דײנען אַלע רייך!

מ י י ן ט אַ ט ע:

גאָלד און זילבער —
האָט מיין טאַטע ניט,
ווייל פאַר אַרבעט
קריגט דאָס קיינער ניט.

ערד און רייכקייט —
טאַטע ניט פאַרמאָגט,
ווייל דער רייַכער
אַלץ פאַרנומען האָט.

נאָר מיין טאַטע
היט אונז אָפּ פון נויט,
און ער אַרבעט
צו פאַרדינען ברויט...

מ י י ן מ אַ מ ע:

קליד פֿון זיידנס —
מאַמע קיינמאָל טראָגט;
דימענט־רינגען —
קיינמאָל ניט פֿאַרמאָגט.

קליד פֿון צווירנס
און פֿון פּראָסטן שטאָף
נייט מיין מאַמע
זיך אַליין דאָס אָפּ.

איז מיין מאַמע
און זי אַזוי שיין,
ווי מיין מאַמע
וואָלט אין זיידנס גיין...

א י ד:

טאַטע־מאַמע
האָב איך אַזוי ליב,
פאַרן שלאָפן
איך זיי קושן גיב.

און באַם אויפשטיין
קוש זיי נאָכאַמאָל,
און פאַר שול גיין —
קושן אָן אַ צאָל!.....

דאַרפן זיי איצט
גאָלד און זילבער ניט,
מיינע קושן —
גאָלד און זילבער גיט...

צאָלן בײדע
מיר מיט קושן גלייך,
זיינען מיר איצט
אַלע אַזוי רייך!...

קאַן ניט שלאָפן מער

אויפגעשטאַנען בין איך שוין,
האַלט די אויגן אָפן,
נאָר אין שטוב איז פינצטער נאָך —
וואָס ושע האָט געטראָפן ?

און אין שטוב איז אַזוי שטיל,
קיינער אויפגעשטאַנען,
נאָר איך קאָן ניט שלאָפן מער,
גיי איך צו דער מאַמען.

גיי איך אָה שפּיז־פינגערלאַך,
— [illegible] איפוועקן קיינעם ! --
[illegible] שטיל און בעט אַריין, –
[illegible] מאַ אינאיינעם.

האָט מיין מאַמע ניט געהערט,
ווי איך בין געקומען,
און מיט מיינע הענטעלאַך
זי ארומגענומען.

און געקושט זי אָפן באַק
און אויך אָפן שטערן —
וועל איך ליגן דאָ מיט מאַ
ביז ס׳עט ליכטיק ווערן.



וואָס איך האָב ליב...

מיין מאַמעשע האָב איך שטאַרק ליב,
איך קוש זי פיל מער נאָך פון מער, —
נאָר נאָך עפּעס האָב איך שטאַרק ליב,
דערציילן עס — איז אַזוי שווער...

די זון גיט אונז ליכט אַזויפיל,
צו אַלעמען איז זי אַ פריינט, —
האָב איך אויך די זון אַזוי ליב,
נאָר נאָך עפּעס ליב איך, וואָס שיינט...

אויך בלימעלאך האָב איך שטאַרק ליב,
איך שפּיל מיך מיט זיי אָפּט אַליין, —
נאָר נאָך עפּעס ליב איך אַזוי,
וואָס איז, ווי אַ בלום אַזוי שיין!

איך האָב שפּילערייען אַ סאַך
און שפּיל מיך מיט זיי ווען איך וויל,
נאָר טראַכט איך פון נאָך עפּעס באַלד —
פיל שענער ווערט דעמאָלט מיין שפּיל.

איך וועל אייך אויסזאָגן דעם סאָד,
נאָר זאָגט עס מער קיינעם נישט אויס,
ווייל דאָס איז מיין טאַטנס פאַרמעג —
דאָס שענצטע, וואָס דאָ איז אין הויז.

אַ שאַפע מיט ביכער אַ סאַך,
מיט מאַיסעס גאָר און אַ שיר! —
איך ליב זיי דערפאַר אַזוי שטאַרק,
פיל זאַכן דערציילן זיי מיר...

שטראַלן ווײַנען מיר!

שטראַלן פֿון דער זון,
שטראַלן פֿון דער זון,
ווײַנען מיר אין מאַמעס ליבע אויגן;
שטראַלן פֿון דער זון,
שטראַלן פֿון דער זון,
ווײַנען מיר אין פּאַפּאַס ליבע אויגן.

שטראַלן פֿון דער זון,
שטראַלן פֿון דער זון,
ווײַנען מיר, ווײַל מיר ווײַנען קליין;
שטראַלן פֿון דער זון,
שטראַלן פֿון דער זון,
ווײַנען מיר, ווײַל מיר האָבן פּײַן.

שטראַלן פֿון דער זון,
שטראַלן פֿון דער זון,



פּיאָנערן-לידער



לענין

ווייסט איר, קינדער, ווער איז לענין,
וועמען אַרבעטער פאַרערן ? —
איך וועל אייך דעם סאָד דערציילן
און אינגאַנצן אייך דערקלערן.

לענין איז געווען אַ דיינקער,
פאָלקס־באַפרייער, וועלט־באַגליקער, —
האָט געליבט דעם מענטש וואָס אַרבעט
און געהאַסט דעם אונטערדריקער.

פאַר די אָרימע און שוואַכע
האָט זיין האַרץ אים שטאַרק געבלוטיקט,
זייער נויט און אָרים לעבן
האָט צום קאַמף אים מער דערמוטיקט.

האָט די אַרבעטער געלערנט
מיט דעם קויאַך פון אַ דיינקער,
זיי גערופן צו מילכאָמע
מיט די הערשער, מיט די הינקער.

זיי געהייסן זיך באַפרייען
פון די זאַטע, פון די רייכע,
און ניט זיין פאַר זיי קיין שקלאַפן —
אַלע מענטשן זיינען גלייכע !...

אַט אזוי האָט באַוועזער לעניז,
דורך זיין גאַנצן שווערן לעבן,
נאָר די אַרבעטער געלערנט
און זיי שטענדיק מוט געגעבן.

איבער לענדער, איבער יאַמען,
און אין אַלע ווײַטסטע ערטער,
האָבן ווי האַרמאַטן־קוילן
אָפּגעדונערט לענינס ווערטער.

אויפגעשטאַנען זיך באַפרייען
זיינען אַלע אַרבעטס־מאַסן;
אויפגעוועקט אויך צו באַפרייאונג
אַלע אונטערדריקטע ראַסן.

נאָר די אַרבעטער פון רוסלאַנד,
דאָרט וואו לענין איז געבאָרן,
וועלכע זיינען פאַר דער פרייהייט
שוין געווען אין קאַמף פיל יאָרן —

האָבן זיי, ווי בראַווע קעמפער,
זייער לענינס ליב באַקומען,
און זיין מעכטשלאַך גרויסע לערע
גוט אין קאָפּ אַריינגענומען!.....

און אין ווייער ביטער האַרצן
אויפגעפלאַקערט האָט דער צאָרן
צו די הערשער, צו די רייכע,
וואָס באַרויבן זיי פיל יאָרן.

און די אַרבעטער פון רוסלאַנד,
ווי־אַ פייער מיט די פלאַמען,
צו דעם קאַמף זיך אויפגעהויבן
האָבן אַלע דרייסט, צוזאַמען.

צו דעם קאַמף מיט די טיראַנען,
רייכע לייט, באַראָנען, גראַפן,
וואָס אַליין אין לוקסוס לעבן
און די אַרבעטער פאַרשקלאַפן.

צו דעם קאַמף מיט די טיראַנען,
וואָס באַהערשן ווייער לעבן,
צו דעם קאַמף פאַר פרייהייט, גלייכהייט,
גרייט דאָס לעבן אָפצוגעבן.

בלייז־שנעל האָבן זיך צעוויקלט
רויטע פאָנען אין די גאַסן,
און עס האָבן זיך געזאַמלט
צו דעם קאַמף די גרויסע מאַסן.

אַלע אַרבעטער, ווי אײנער,
זײַנען אין דער שלאַכט געגאַנגען:
הענט מיט ביקסן, מויל — מיט לידער,
לופּט מיט קאַמף און שטאָל־געזאַנגען.

לענין איז געווען דער פירער —
פול מיט מוט און פול מיט גלויבן!
און דער גרויסער קאַמף פאַר פרײַהײט
האָט זיך שטורמיש אָנגעהויבן.



לענין איז געווען דער פירער —
פול מיט
מוט און פול מיט
גלויבן!

בראַוו און שטאָלין, אָן שרעק, אָן מורע,
האָבן אַלע זיך געשלאָגן,
און אין קאַמף מיט זייער סוינע
האָבן זיי מער מוט געקראָגן.

עס האָט לענינס קאַמף־באַפעלן
אַלעמען צום העלד דערהויבן! —
יעדעס וואָרט פון זייער פירער
האָט אין זיי געשטאַרקט דעם גלויבן.

און ווי אויספּרובירטע קעמפער,
ווי אַמאָל די אַלטע קריגער,
פון דעם קריג מיט זייער סוינע
זיינען זיי אַרויס די זיגער!

און אַף רוסלאַנדס בלויען הימל
אויפגעשיינט די זון האָט העלער! —
דער באַרויבטער שקלאַף פון נעכטן
איז געוואָרן דער באַפעלער!

ס'וועט דער אַרבעטער פון רוסלאַנד
איצט זיין קאָפּ פאַר קיינעם בויגן,
ס'איז זיין וואָרט איצט שטאָל און אייזן,
פייער־שפּיזן — זיינע אויגן.

ס׳וועט אים קיינער איצט פארשקלאפן,
איז אליין דער האר געווארן
איבער זיך און איבער אלעם,
וואס ער האט געשאפן יארן!...

ניט מער הערשער און באהערשטע,
ניט קיין פריצים, ניט קיין שקלאפן!
אלע מענטשן זיינען גלייכע,
אלע ארבעטן און שאפן.



אויסגעקעמפט און אויסגעבלוטיקט,
פיל קארבאנעס אפגעגעבן, —
נאכאמאל זיי צו פארשקלאפן
וועט קיין סוינע דאס דערלעבן.

און געשוואירן האבן אלע
בא דער היטער פאן פון פרייהייט,
לענינס ווערטער הייליק האלטן,
פול מיט גלויבן און מיט טרייהייט.

שטארק פאראייניקט און מיט קאמפלוסט
שטייען אלע פעסט צוזאמען
און זיי היטן זייער פרייהייט
איבער רוסלאנדס ערד און יאמען.

עס האט לענין, אונזער פירער,
ערשטע פרייהייט־שלאכט געוואונען, —
אף דער וועלט דער הארעפאשניק
האט צום קאמף דעם וועג געפונען...

און אַזוי האָט באַוועט לענין,
ביז דער ענדע פון זיין לעבן,
פאַר דער גרויסער רעוואָלוציע
ס'גאַנצע לעבן אָפּגעגעבן.

אַט דאָס איז דער סאַד פון לענין,
פון אַ מענטש און עמעס ליבער;
ווילט איר גוט דעם סאַד געדיינקען —
לייענט נאָכאַמאָל עס איבער.



אין אָנדיינק לענין

זאָל העכער דאָס ליד זיך צעקלינגען,
צום קאַמף זאָל זיך טראָגן די לוסט!
אין אָנדיינק פון לענין דעם פירער —
ניט טרויער זאָל זינקען די ברוסט.

צו קעמפן — געלערנט האָט לענין —
מיט שטאָלין אויפגעהויבענעם קאָפּ,
„און דאָס, וואָס איר וועט נאָר געווינען,
האַלט פעסט און גיט קיינמאָל ניט אָפּ!

נאָר ווילט איר פון יאָך זיך באַפרייען,
און ווילט איר ניט זיין מער
פאַרשקלאַפט ?! —
אַריין אין די קעמפנדע רייען,
פאַרשטאַרקט אייער אייגענע קראַפט...

און אַלע, ווי שוועסטער און ברידער,
די שאַפער פון ריזן־פאַרמעג! — — —
פאַראויס! מיט קליי־זייען און לידער,
פאַראויס! אַף דעם ליכטיקן וועג!...

ניט וויינען, קיין טרער זאל ניט רינען,
ניט שרעקט זיך פאר אומקום און טויט,
זעט, וואס איך שטייט צו געווינען! —
פארלירן? — ניט מער, ווי די נויט."

מיר שטייען, ווי יונגע סאלדאטן,
די הערצער געמוטיקט, געשטארקט!
וועט קומען די צייט פאר הארמאטן —
צום קאמף! ניט געשפארט, ניט
געקארגט...

מיר וועלן דעם סוינע באזיגן,
ווי לענין אונז לערנט, באפעלט! —
ביז האמער און סערפ וועט באלויכטן
פון אונז איינגענומענע וועלט!

זאל שטארקער דאס ליד זיך צעקלינגען,
די רייען מאכט איינגער און גרויס! —
און אנדיינק פון לענין דעם פירער
צום קאמף פאר באפרייאונג ארויס!

רויטע פאָנען

געווידמעט דער
אקטאבער-רעוואלוציע.



רויטע פאָנען —
יאָגטען שיינער;
רויטע פאָנען —
יאָגטען איינער.

רויטע פאָנען
מיר צעדינגען;
רויטע פאָנען —
גליק אונז בריינגען.

רויטע פאָנען
איבער דעכער;
רויטע פאָנען —
הויבט זי העכער...

רויטע פאָנען
מוט אונז געבן;
רויטע פאָנען —
אונזער לעבן.

רויטע פאָנען,
קלינגען לידער,
קאַמף און פייער
אין די גלידער.

רויטע פאָנען
פיינט צעשמעטערן, —
רויטער האַמער,
סערפּ און שטערן.

רויטע פאָנען
קריג דערקלערן,
רויט־אַרמייער
זיך פאַרמערן.

רויטע פאָנען,
הערצער קלאַפּן,
רויטע פאָנען
וועלט פאַרכאַפּן...

רויטע פאָנען —
אונז באַגלייטן;
רויטע פאָנען —
ליבט פאַרשפּרייטן.

רויטע פאָנען
אַלץ באַנייען;
רויטע פאָנען —
וועלט באַפרייען!

רויטע פאָנען —
פיינט פאַריאָגן;
רויטע פאָנען
קראַפט פאַרמאָגן...

רויטע פאָנען
ניט פאַרלירן;
רויטע פאָנען —
צום זיג פירן.

רויטע פאָנען, רויטע פאָנען,
הוראַ! הוראַ!! הוראַ!!!



דעמאנסטראציע

געגן דער הינריכטונג פון
סאקא און וואנזעטי—1927.

עס זאמלען זיך די מאסן
אין דעם גרויסן סקווער,
פון שעפער און פאבריקן
קומען זיי אהער.

מ'האט אפגעשטעלט די ארבעט
אין מיט העלן טאג: —
גערעכטיקייט און פרייהייט
שטייט היינט אף דער וואג!...

זיי קומען פראטעסטירן,
ווייזן זייער מאכט!
פאר ארבעטער באפרייאונג —
גרייט צו גיין אין שלאכט!...

עס זיינען אפן סקווער שוין
בינעס אויפגעשטעלט,
דא וועלן פירער ריידן, —
יעדער איז באזוועלט...

עס טראגן פיאנערן
טאבלען אין די הענט,
מיט וואָרנונגען און צארן
צו דעם פיינט געווענדט.



דער סקוועד, פון אַלע זייטן,
פול מיט פּאָליצײַ:
די הערשערס טרייע דינער,
צו באַשיצן זיי.

נאָר אַרבעטער אַלײן קומען,
ס'איז קײן שרעק נישטאָ,
— און סקוועד ווערט נאָך געדיכטער
הײליק איז די שעה...

עס רײדן הויך די רעדנער,
ס'דונערט יעדעס וואָרט,
די אַרבעטער, באַגײַסטערט,
ווי געשמידט צום אָרט...

צעפּלאַקערט מער דער צאָרן,
ס'פײַער שפּרייט זיך אויס,
— און הערצער שטײַגן פלאַמען,
דער פּראָטעסט איז גרויס!...

און אויגן ברענט דאָס אומרעכט,
פון שטאָל — יעדער גוף,
נעקאָמע אויסגעשרייען
באַגלייט צום קאַמף דער רוף!

מיר סאַלוטירן!

מיר, פיאָנערן, סאַלוטירן
צו אונזער רויטער פאָן, וואָס שיינט! —
און רייען פעסטע מיר מאַרשירן,
און אונזער גרויסן יאָנטעוו היינט.

די שוואוע נאָכאַמאָל מיר געבן
מיט דעם „אינטערנאַציאָנאַל"!
צו קעמפן פאַר אַ פרייען לעבן,
צו דינען טריי דעם אידעאַל! —

מיר דינען שטאָלצע פיאָנערן,
מיר פאָלגן אַלע דעם באַפעל!
און וועלן מיר דעם רוף נאָר הערן —
מיר דינען גרייט מיט גוף און זעל!...

און העכער מיר די פאָן איצט הויבן,
און שענער קלינגט היינט אונזער ליד;
און שטאַרקער, טיפער אונזער גלויבן,
און מוטיקער די יונגע טריט...

מיר גריסן דיך, אַ לאַנד פון פרייהייט,
ס'האָט אונזער ליבע [illegible] קיין שיר! — — —
און מיט [illegible] טרייהייט
מיר שטייען [illegible] פאַר דיר.

הוראַ! הוראַ! [illegible] סאָוועטן,
הוראַ! הוראַ! פאַר דעם פאַרבאַנד,
מיט רויטע פלאַמיקע ראַקעטן
באַלויכטן מיר היינט אונזער לאַנד!

איך בין
אַ פּראָלעטאַר!

עס האָבן מענטשן עטלאכע
פֿאַרכאַפּט די גאַנצע וועלט,
און פּלאָגן אונז און שטיקן אונז —
זיי זוכן וואָס מער געלט.

איך בין אַ פּראָלעטאַר,
איך בין אַ פּראָלעטאַר,
ניט קיין שקלאַף און ניט קיין האַר,
איך בין אַ פּראָלעטאַר.

זיי זיינען סאָנים אונזערע,
— דאָס ווייסט מען שוין פון לאַנג —
עס טריפט נאָר סאַם פון זייער מויל,
ווי פון אַ בייזער שלאַנג.
איך בין אַ פּראָלעטאַר, א. אַ. וו.

דעם אַרבעטער, דעם אַרבעטער,
זיי האָבן שווער פֿאַרשקלאַפּט,
און אַלץ פון אים אוועקגערויבט:
זיין היים, זיין לאַנד, זיין קראַפט.
איך בין אַ פּראָלעטאַר, א. אַ. וו.

דער שײנער טאָג דער ליכטיקער,
קומט אָן נאָך שװערער נאַכט, —
די אַרבעטער, די אַרבעטער,
זײ האָבן שױן דערװאַכט.
איך בין אַ פּראָלעטאַר, א. אַ. װ.

ס'האָט דער קאַמף זיך אָנגעהױבן
שױן לאַנג מיט יאָרן פרי'ר,
דער קאַמף פון אונזער קלאַס און מענטש
מיט האַר און פּעטן גװיר.
איך בין אַ פּראָלעטאַר, א. אַ. װ.

דער קאַמף פאַר אונזער מענטשן־גליק,
פאַר פרײַהײט און פאַר רעכט;
דער קאַמף פאַר גלײַכהײט אַף דער װעלט,
אַ מענטשהײט גאָר אָן קנעכט!...
איך בין אַ פּראָלעטאַר, א. אַ. װ.

די װעלט באַפרײַען װעלן מיר
פון װילדן פּאַטריאַט; —
די װעלט באַפרײַען װעלן מיר
פון שקלאַף, פון באַס, פון גאָט.
איך בין אַ פּראָלעטאַר, א. אַ. װ.

אַ װעלט װאו אַרבעט זאָל ניט זײַן
קײן לאַסט און קײן פּאַרדרוס;
אַ װעלט, װאו אונזער לעבן זאָל
אויך זײַן אַ גרױס געניס...
איך בין אַ פּראָלעטאַר, א. אַ. װ.

אַ װעלט װאו צװישן מײַנס און דײַנס
זאָל זײַן קײן אונטערשײד;
אַ װעלט, װאו יעדעס װאָרט זאָל זײַן
אַ גרוס פֿון גרױסער פֿרײד...
איך בין אַ פּראָלעטאַר, א. אַ. װ.

ס'װעט אונזער קאַמף געװאונען זײַן,
מיר װײַסן אונזער מאַכט, —
דער אַרבעטער, דער אַרבעטער,
מיט שטאָלין האָט אויפגעװאַכט!
איך בין אַ פּראָלעטאַר, א. אַ. װ.

דער קאַמף, װי שװער ער זאָל ניט זײַן,
װי לאַנג ניט אונזער קריג,
מיר װעלן מיט אַקשאָנעס אים
דערפֿירן ביז אַ זיג.
איך בין אַ פּראָלעטאַר, א. אַ. װ.

רויט גייט אויף די זון

רויט גייט אויף די זון,
הימל — בלוי און צונטער, —
קינדער שטייען אויף
שמייכלענדיק און מונטער.

קומט א נייער טאָג,
ליכטיק איז געוואָרן, —
וואַשן קינדער זיך
מיט אַ וואַסער קלאָרן.

העכער שטייגט די זון,
שטראַלן זיך צעשפּרייטן, —
טוען מאַמעס איצט
עסן פאַר אונז גרייטן.

טוט די זון אַ גיס אויף דר'ערד
גאָלד און זילבער גיסן,
קענען מיר פון-דעם
ניט קיין סאַך געניסן!...

וואַקסט מיט זון דער טאָג,
און אויך אַלע פלאַנצן, —
אונזער לעבן איז
ניט קיין-שפּיל אינגאַנצן...

שפּיל פון יונגע טעג
וועט אונז פיל גיט געבן, —
קינדער פון דער נויט
און פון שווערן לעבן...

פלאַנצן ווערן שטאַרק,
וואַקסן ווי אין הרויסן, —
וואַקסט אין אונז די קראַפט
פאַר דעם קאַמף דעם גרויסן!...

עס איז
דער טאָג
אַ בלוטיקער,

שטיי אויף מײַן קינד!

שטיי אויף מײַן קינד, שטיי אויף מײַן קינד,
די זון איז אויפֿגעגאַנגען, —
שטיי אויף מײַן קינד, שטיי אויף געשווינד,
די זון שוין אויפֿגעגאַנגען.

עס זינגען זיס די פֿייגעלאַך
דאָס ליד פֿון גרויסן וואונדער, —
מאַך אויף מײַן קינד די אייגעלאַך
און זע אַליין דעם וואונדער.

שטיי אויף מײַן קינד, שטיי אויף געשווינד,
מען טאָר שוין איצט ניט שלאָפֿן: —
די אַרבעט רופֿט, די אַרבעט רופֿט,
דו טאָרסט שוין איצט ניט שלאָפֿן...

עס איז דער טאָג אַ בלוטיקער,
אַ קאַמף פֿאַר אונזער לעבן, —
שטיי אויף מײַן קינד אַ מוטיקער
צום קאַמף פֿאַר אונזער לעבן.